# קרית ברסלב בלאט'ל

שנה ה' נומער 231 פרשת דברים · תשפ"ד

# אנשי חיל

מסיבה דורך אנשי שלומינו אין ארץ ישראל מאנטאג מטו"מ



## סיום הש"ס

פון הבחור חיים זאנוויל פליישמאן נ"י

**וועלטליכע נייעס:**
פאליטישע פירער פון כאמאס אומגעקומען אין איראן

**צום פינטל:**
א טרער אויף א פרישן קבר

**פארן די ברסלב'ע שטוב:**
ווער קען זיי צוריקברענגען?

קרית ברסלב בלעטל

פרשת דברים תשפ"ד • 231


**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
בערל שניטצלער
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרוק



צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00




# אמוגעבערענגט איסמאל האניא

6



# טענט אין אומאן

10



# זיינע ברכות ווערן מקוים

24


| | |
|---|---|
| 10 | וועלטליכע נייעס |
| 7 | אלץ און אלעמען |
| 12 | געדאנקען |
| 4 | היכל הקודש נייעס |
| 16 | בריוו |
| 18 | היכל הלכה |
| 31 | סעודה |
| 35 | די ברסלב'ע שטוב |
| 39 | קינדער בלעטל |



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
077.930.9648

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069







די טויערן זענען ברייט אפן
מיר שטייען אייך גרייט א גאנץ יאר צו סערווירן אויף די בערג מיט אלע קאסטום שאורום פראדוקטן און סערוועסע
CUSTOM SHOWROOM
יענקי מיט יענקי
917-474-6118 Ext 3
*sruliHeskel

# היכל הקודש נייעס



## אומאן

## גרויסארטיגער טענט ווערט אהערגעשטעלט אין אומאן

עס קומען אריין פרישע אפדעיטס פון אומאן, צוערשט דארף מען באגריסן דער נייער חבר ההנהלה פון די אומאן קאמיטע, דער ראש ישיבה שליט"א האט אריינגעלייגט דעם באליבטן מלמד מומחה מו"ה ישעי' איידיס שליט"א ער זאל צושטיין צו די האנט פון די אנדערע חברי הנהלה וועלכע געבן זיך אוועק איבער די כחות, און מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף וועט ר' ישעי' שליט"א קענען צוגעבן זיינע טאלאנטן און צוהעלפן צו די פילע פלענער וואס דער ראש ישיבה שליט"א פלאנט צו מאכן אין אומאן.

ווי שוין געמאלדן, וועט מען בויען א שאטער "אהל הרחבת הדעת" נעבן דעם בנין, יעצט קומט אריין אז מען האלט שוין ב"ה אינמיטן אויספלאסטערן די ערד ווי דער גרויסער טענט וועט ווערן אהערגעשטעלט. דער טענט וועט ווערן פלאצירט ממש הארט נעבן דעם יעצטיגן בנין צו לינקס, דארט ווי דער טרעילאר איז געווען ביז יעצט.

דער ריזיגער שאטער וועט ווערן געבויט אויף א פערמענענטע וועג אז מען זאל עס קענען האלטן אויף די קומענדיגע יארן, מען מאכט א געהעריגע שטארקע פלאר פון אייזן און צעמענט, און דערויף וועט מען לייגן פעסטע אייזענע פרעימס וואס וועלן ווערן אינסטאלירט אויף א גאר דויערהאפטיגן אופן, און יעדעס יאר נאך ראש השנה וועלן נאר די ווייניל ווענט און דאך ווערן אראפ גענומען, צוליב וואס דאס קען זיך נישט האלטן פון יאר צו יאר אין די רעגנס און שנייען פון אוקריינע.

ווי שוין באריכטעט, זענען די הוצאות פונעם טענט געספאנסערט געווארן דורך וואויל באקאנטן "רענט קאמפיין" וואס האט זיך אונטער גענומען דעם גרויסן הוצאה כדי צו געבן הרחבת הדעת פאר'ן ראש ישיבה און פאר אנשי שלומינו, ווילענדיגן אין אומאן אויף ראש השנה.

דער טענט וואס וועט טראגן דעם נאמען "אהל הרחבת הדעת" וועט זיין ריזיג גרויס, די זעלבע מאס ווי דער היכל הבית המדרש, וואס וועט אויפטון זייער אסאך זאכן. דער בית המדרש בלייבט בית המדרש, און בשעת'ן דאווענען גרייט מען אן די סעודות, און נאכן עסן דארף מען בלויז אויפרוימען, און די אויסשטעלן אינעם טענט בלייבט ווי א סעודה, און דער בית המדרש וועט מען קענען נוצן במשך די גאנצע צייט אין אומאן צו לערנען און דאווענען מיט הרחבת הדעת.

אין די וואכן טעג וועט די טענט גענוצט ווערן פאר פילע זאכן אין די זעלבע צייט, עס וועלן קענען פארקומען עטליכע מנינים שחרית מנחה אדער מעריב, און אויף די אנדערע זייט וועט מען קענען עסן פרישטאג מיטאג אדער נאכטמאל, אזוי אויך וועט די חדר נוצן דעם טענט במשך דעם טאג פאר די קינדער.

אנשי שלומינו זענען שטארק דאנקבאר פאר די געטרייע עסקנים וואס געבן זיך אוועק בלב ונפש פאר'ן הייליגן צוועק צו העלפן אנשי שלומינו ווילן ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן.



בני ברק

## נייע מיידל שולע בית פיגא ברסלב ווערט געגרינדעט אין בני ברק

א גרויסע שמחה הערשט אין בני ברק, ווען נאך אסאך תפילות איז געגרינדעט געווארן א פרישע אפטיילונג פון די מוסדות אין ארץ ישראל.

די הייליגע מוסדות היכל הקודש אין ארץ ישראל פארמאגט שוין פילע אפטיילונגען, חדרים, מיידל שולעס, און א ישיבה, וואס ווערט אנגעפירט לויט די פונקטליכע הוראות פון ראש ישיבה שליט"א דורכן מנהל המוסדות אין ארץ הקודש הרב יצחק פאפענהיים שליט"א פון ירושלים וואס פירט אלע מוסדות מיט גרויס סייעתא דשמיא. די ציל פון די הייליגע מוסדות איז צו קענען געבן פאר די קינדער א חינוך על דרך התורה והמסורה, זיי זאלן אויפוואקסן פון די פריעסטע יוגנט צו לעבן מיט'ן באשעפער, און זיי זאלן זיין גרייט ברוחניות ובגשמיות פאר'ן לעבן. די געטרייע מלמדים זענען מו"ה ר' אבא חייא רייזמאן שליט"א און מו"ה ישראל סופר שליט"א. דער מנהל המוסדות קומט כסדר אריבער קיין בני ברק באזוכן, און שטייט צו די האנט מיט אלעם וואס פעלט זיך אויס.

יעצט איז געקומען די געלעגנהייט אויפצושטעלן א מיידל שולע אין בני ברק. די חדר אין שטאט האט זיך שוין ברוך השם געעפענט מיט א יאר צוריק, און עס גייט אן מיט גרויס הצלחה, די אינגלעך זענען ברוך השם שיין מצליח, און די עלטערן האבן געבעטן דעם ראש ישיבה שליט"א אז זיי ווילן אויך געבן פאר די מיידלעך די הערליכע ריינע חינוך, זיי זאלן אויפוואקסן ערליכע אידישע מאמעס וואס האבן איין ציל צו מאכן א נחת רוח פאר'ן אייבערשטן, און וויסן די חשיבות פון די פשוטע טעגליכע אויפגאבעס פון א אידישע פרוי, פון זיך אפגעבן מיט די מאן און קינדער.

נאך אסאך תפילות האט דער ראש ישיבה שליט"א אויפגענומען מרת לעווי תחי' א חשובע ערפאלגרייכע מחנכת אין א היימישע מוסד שוין לאנגע יארן, וואס זי וועט בעזרת השם אנפירן די מיידל שולע, און די זעלבע מיט די לערערינס האט מען אויפגענומען אזעלכע וואס קומען שוין מיט לאנגע יארן ערפארונג פון מחנך זיין אין ערליכע היימישע מוסדות, וואס מיט זייער גרויס געטריישאפט און איבערגעגעבנשאפט האבן זיי באשלאסן אפצולאזן זייער גוט באצאלטע פאזיציעס וואס זיי האלטן שוין אן פאר לאנגע יארן, און אנטקעגן קומען אונזערע קינדער צו העלפן גרינדן א מיידל שולע פאר אונזערע טייערע קינדער.

די לערערינס וועלן בעזרת השם זיין די חשוב'ע מרת רייזמאן תחי', און מרת רעכניצער תחי' וואס וועלן פון דעם קומענדיגן זמן אנהייב חודש אלול הבעל"ט אנהייבן צו לערנען מיט די חשובע מיידלעך.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אראפ געשטעלט די תקנות פון די מוסד, די סטאנדארט פון צניעות וואס ווערט פארלאנגט פון יעדע תלמידה. אלע עלטערן האבן עס אנגענומען מיט א שטארקע ערנסטקייט, וואס וועט ערמעגליכן אז די לערערינס זאלן זיך קענען אפגעבן אויפצובויען די קינדער, זיי געבן גוטע ווערטער זיי זאלן קענען שטייגן, און זיי זאלן נישט דארפן זיין פארנומען מיט די קליידער פון די קינדער.

די סטעף פון בני ברק זענען אריבער קיין ירושלים וואו עס גייט שוין אן א מיידל שולע היכל הקודש, און זיך אומגעקוקט, און געשמועסט מיט די איינגעשטעלטע צו באקומען פון זיי דעם פראקטישן צוגאנג וואס דער ראש ישיבה שליט"א וויל אז די שולע זאל אהערשטעלן.

אנשי שלומינו זענען זייער פרייליך, און זענען מתפלל אז די נייע שולע זאל מצליח זיין, און מען זאל זען אידיש נחת פון די טייערע קינדערלעך.

# צום פינטל



## א טרער אויף א פרישן קבר

נא... חס ושלום א טרער פון פרייד, איך ווייס אפשר, נו וואס דארף מיין בכלל רעדן דערפון, טרויערן קען מען דאך נישט, עס שטייט דאך באבוד רשעים רינה. נו פרייען? קען מען ווייטער נישט, אזא מעשה, אזוי אויפצורייצן די וועלט קעגן אידישע קינדער? נו איז וועלן מיר בלייבן פאסיוו מיר וועלן לאזן פאר ר' גרשון צו דעקן די נייעס און מיר וועלן גיין צו די דברי הספד אויף דעם איסמייעל הניא און...

דער קליינער איסמייעל איז געבוירן צו עלטערן, נא... שרייב נישט דאס, קוק ענדערשט וואס שטייט אין עצתו אמונה און לאמיר זען וואס איז דאס איסמיעל, ישמע - קל, דער אייבערשטער הערט, "הניא" מלשון "והניא בעותא" - תפילה העלפט. יא ישמעאל נעמט איין א פגירה, און ישמע - קל קומט אריין קלאר, דאס איז עס דער אייבערשטער הערט, דער אייבערשטער העלפט, "הניא" יא עס העלפט. איך הער נישט קיין נייעס, סאו ווייס איך נישט ווי אזוי די פגירה איז צוגעגאנגען, אבער איך שטעל מיר פאר אז מען האט אים געשאסן מיט א ראקעט, יא רק - איט נאר דעיס, ("רק" מיינט אין אידיש "נאר", איט איז ענגליש) נאר דאס איז די עצה.

נו ווייטער; איך הער מען האט אים גע'הרג'עט אין א האטעל ה'טַל, אידישע קינדער בעטן דעם אייבערשטן, אהי' כְּטַל לישראל, טוי איז גוט אלעמאל.

אוי מען קען אזוי דרש'ענען יעדע אות פון די גאנצע מעשה. איראן ברויזט, פרס ברויזט, עס קאכט א קעסל, פרס - פרס בשחרית, פרס בין הערביים, עס קאכט אריין אין די וועלט שחרית מנחה מעריב.

אבער דער עיקר נישט פארגעסן, מען זאגט אז די מיטל מזרח פלאקערט, יא, עס פלאמט אויף די נשמה פון א איד. מען זאגט די תורה די ארון הקודש ליגט אין מיטל מזרח וואס? די ארון איז דאך אין מעזיבוז? ניין נישט דעי מיטל אן אנדערן מיטל, די מיטל פון זאגן, זאגן גמרא, איין מינוט, דאס איז דאך די מיטל צוצוקומען צום אייבערשטן.

העי, וואס ליגט אין בית המדרש, אינמיטן די מזרח וואנט? די ספר תורה! עס פלאמט אויף ביי אידן די סדר דרך הלימוד.

עפילאג: דער אייבערשטער הערט דאך יעדעס ווארט, רעד צו אים, זאג: "אייבערשטער, באשעפער, גאט, העלף מיר, וואס דען וועט מיר העלפן, איך בין דאך אזוי צושאסן אזוי דערשראקן, אזוי נישט ביי זיך, העלף מיך, העלף אידישע קינדער, ראטעווע אונז פון אלע שלעכטע שרעקעדיגע זאכן, העלף אידישע קינדער וואס זענען בלינד, שטום, טויב און טראכטן אז עס קען נאך זיין אז א מיליטער קען העלפן, א איד זאל זען אז ס'איז נישטא קיין מיליטער, נעם איבער די מלחמה קעגן ישמאל, און אנטקעגן די חברה וואס האבן פארכאפט די נאמען "ישראל". ד' איש מלחמה, אן קיין איין שאס פולווער, נאר מיט אפאר שיינע ווארימע ווערטער וואס אידישע קינדער וועלן דיר געבן, טאטע מיר האבן נישט קיינעם אין די וועלט נאר דיר".

כאפ א תהילים, א משניות, זאג א קאפיטל זאג א פרק משניות.

נו, נאך אזא הספד ווער דארף נאך איין לעבעדיגע שונא ישראלים...

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## וואסער

**שאלה: איך בין זייער נייגעריג אויב וואסער איז א בריאה פאר זיך און אלע וואסערן וואס עקזיסטירט זייט בריאת העולם איז די זעלבע, אדער עס קומט כסדר צו נייע וואסער? יוסי**

**ענטפער:** דו פרעגסט זייער גוט, די קורצע תשובה אויף דיין שאלה איז אז אלע וואסערן פון בריאת העולם ביז היינט איז אלעס די זעלבע, עס קומט נישט צו קיין פרישע וואסער, און עס ווערט נישט אויס. די וואסער קען זיך טאקע טוישן אין פארעם, עס קען זיין פשוט "וואסער" ווי מיר קענען עס, עס קען זיין "לופטיג" (געז) אזוי ווי ווען עס ווערט פאררוואנדלט אין א וואלקן, נעפל אדער פּאַרע, און עס קען זיין "אייז". דער אייבערשטער האלט אין איין ארומרוקן די וואסער פון די ריזיגע אקעאנען ווי עס איז אויסגעמישט מיט זאלץ און אנדערע מינעראלן וואס א מענטש קען נישט טרונקען, דער אייבערשטער שיקט ארויף יעדן טאג זייער אסאך וואסער פון די אקעאנען צו ווערן וואלקענעס ווי די זאלץ קומט נישט אן, און קומט אראפ אלס רעגן וואסער וואס רינט דערנאך אראפ פון די בערג אין די טייכן און קוועלער וואס איז זיס, געשמאק און געזונט צו טרונקען, און א איד קומט עס טרונקען מיט א ברכה, און דאנקט דערנאך דעם אייבערשטן וואס האט עס באשאפן להחיות בהם נפש כל חי.

וואסער איז אבער נישט א בריאה פאר זיך, דאס מיינט אז עס איז נישט פון די בערך הונדערט יסודות'דיגע "עלעמענטן" פון וואס אלעס אויף דער וועלט איז צוזאם געשטעלט, וואסער ווערט אנגערופן אין די סייענטיפישע וועלט $h2o$, וואס מיינט היידראגין און 2 אקסיגען, ווייל וואסער איז א א "מאלעקיול" (א טייג פון צוויי אדער מערערע "עלעמענטן") פון די דריי עלעמענטן, יעדע מאלעקיל פון וואסער באשטייט פון איין היידראגין אטאם, און 2 אקסיגען אטאמען.

עס איז א געוואלדיג פלא פונעם אייבערשטן, וויאזוי ער האט צוזאם געשטעלט די צוויי גאר פלאמעדיגע עלעמענטן, אקסיגען און היידראגין, וואס איז פון די בעסטע ברענשטאף וואס עס איז נאר פארהאן, אבער ווען ער שטעלט זיי צוזאם צו טון דעם רצון הבורא צו ווערן איין מאלעקיול, ווערן זיי פונקט פארקערט, נישט נאר וואס וואסער קען נישט ברענען, נאר עס ווערט אויסלעשן יעדע פייער מיט וועם ער קומט אין בארירונג. דאס איז ווען מיר קוקן אריין אין וואסער אין זיין "קליינע וועלט".

אין אונזער "גרויסע וועלט" שטעלט דער אייבערשטער צוזאם א אידישע שטוב פון א מאן און א פרוי, יעדער איינער קומט פון א צווייטע בעקגראונד, מיט אדערע כאראקטערן, מידות און רצונות. אויב שטעלט מען זיך צוזאם פשוט איינע נעבן צווייטן און יעדער וויל נאר זיך און מיך, קען אויסברעכן א פייער וואס קען אלעס פארלענדן רח"ל, אבער אויב מען שטעלט צוזאם די צוויי יסודות'דיגע "עלעמענטן" מיט'ן אייבערשטן, עס זאל ווערן איין "מאלעקיול", יעדער איז דא מיט איין ציל צו טון דעם רצון הבורא, דאן ווערט עס א הערליכע נייע בריאה, א אידישע שטוב פון ווי עס וועט ארויסקומען הערליכע אידישע דורות וואס וועלן באלייכטן די וועלט. קינדער וואס וואקסן אויף אין א שטוב ווי די טאטע און מאמע האבן זיך ליב, מען רעדט שיין איינע צום צווייטן, מען העלפט זיך ארויס, קיינער איז נישט באלעבאס, נאר דער אייבערשטער, וועלן די קינדער באשיינען און באלייכטן די וועלט.

אז מען קוקט אויף ציפערן איז אינטערעסאנט אנצומערקן אז בערך זיבעציג פראצענט פון די וועלט באשטייט פון וואסער. אבער נישט אלע וואסער דערפון קען מען ניצן צו טרינקן, בערך צוויי אהאלב פראצענט איז קלארע וואסער צום טרינקען.

חז"ל זאגן (תענית ז'), תורה איז צוגעגליכן צו וואסער, פונקט ווי וואסער ווען עס ליגט אויף א הויכן פלאץ ווערט עס אלץ אראפגיין צו א נידעריגן פלאץ, אזוי אויך א איד וואס וויל לערנען תורה דארף זיך האלטן קליין, האבן הכנעה, נאר אזוי קען מען מצליח זיין צו לערנען תורה. דאס קען מען זאגן גייט ארויף אויפן סדר הלימוד, מען דארף זיך אראפבייגן דעם קאפ און אננעמען דעם סדר הלימוד, אזוי וועט מען זוכה זיין צו לערנען תורה יעדן איינציגסטן טאג.

**אין מים אלא תורה**

# א חלק פון מיין סיפור התקרבות

אינעם ארטיקל "געדאנקען" פרשת מטות מסעי (נומער 230) האט מיין טייערער חשוב'ער ברודער ר' משה ארי' שליט"א, מנהל כולל היכל הקודש, ארויסגעברענגט וואס עס מיינט פלאנצן קערעלעך פון הפצה, אז מיט א שמייכל און גוטע באנעמונג פאר א קינד/בחור/אינגערמאן קען מען ראטעווען א מענטש, און זאגאר דורות, און זאגאר פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'ן אויף דער וועלט.

אף אני אענה חלקי בעז"ה, אביסל פון די אנדערע זייט מטבע, ווי אזוי דאס התקרבות איז צושטאנד געקומען.

מיר זענען קע"ה א משפחה פון צען געשוויסטער, כולם אהובים, כולם ברורים, איך בין איינס פאר דער יונגסטער, און מיין ברודער ר' משה ארי' איז דער דריטער פון דער עלסטער אראפ, א היבשער חילוק אין יארן.. אבער מיט מיין ברודער ר' משה ארי' האב איך אלס געהאט א ספעציעלער נאנטער קשר. איך וועל אנכאפן א דוגמא, אויב עס איז אויסגעקומען אז איך האב פארפאסט די באס צו גיין אין חדר, און איך האב געדארפט נעמען א קאר סערוויס מיך צו נעמען קיין טרופ ווועניו, (דעמאלט איז וויליאמסבורג געווען ביז העיווארד סטריט, נאכדעם איז שוין געווען די גוי'אישע געגנט, טרופ ווועניו - מאן דכר שמי'...), אויב מיינע עלטערן שיחי' זענען נישט געווען אין שטוב אויף די מינוט וכדו' - האט ער מיר אלץ געליגן געלט צו קענען גיין אין חדר, און אזוי ווייטער.

ממילא איז געווען נאטירליך אז אויב ער גייט עקספלארן א נייע פלאץ וואו מען קען גיין שלש סעודות צו הערן שיינע חיזוק און עצות פון א ברסלב'ער משפיע - גיי איך מיט מיט אים, וכך הוה. מיר פלעגן גיין יעדע וואך דאווענען מנחה אין פולישן שטיבל אויף ראסס סטריט, בדרך כלל, (דאס איז געווען אויפן וועג פון פענן סטריט וואו מיר האבן געוואוינט, ביז סאוט 9), דערנאך זענען מיר געגאנגען קיין סאוט 9, מ'האט ארויפגעשריגן צום פענסטער מ'זאל אונז קומען עפענען, און מ'איז אראפגעקומען אונז עפענען דעם טיר.

מ'האט זיך געוואשן צו שלש סעודות, בדרך כלל איז געווען א בילקע מיט לאקס אדער געררייכערטע ווייט פיש, און מ'האט געשמועסט פון רבינ'ס עצות, עס זענען געווען ביילייפיג 4-5 מענטשן, און עס איז געווען ממש א מחי', מ'האט גערעדט פון רעדן צום אייבערשטן, התחזקות, דעם רבינ'ס עצות, און אזוי ווייטער, דערנאך איז מען געגאנגען דאווענען מעריב אין סטראזניץ, בדרך כלל.

איך בין נאך געווען יונג, דאס גייט צוריק און די יארן תשנ"ז-נ"ח, איך האב נישט אזוי ווייטע פארשטאנען וואס מ'האט געלערנט אין ליקוטי מוהר"ן, איין תורה ליגט מיר נאך אין די ביינער, דאס איז תורה ל' פון ערשטן חלק אין ליקוטי מוהר"ן, עס איז מיר געווען זייער וואונדערליך צו הערן אזא זאך ווי א פעלד פון מעסערס, און אז דאס שניידט מען גאר אפ מיט הערנער פון אן אייזל... דאס איז איינע פון די זאכן וואס איך געדענק נאך פון דעמאלט.

אביסל שפעטער האט מיר מיין ברודער געקויפט א משניות, איך האב שוין נישט דעם משניות, אבער עס איז געווען א גרויסע ווייסע באנד, גאנץ מסכת ברכות מיט אידיש טייטש, איך מיין עס האט געהייסן "משניות תשב"ר על מסכת ברכות", ארויסגעגעבן דורך "יעקב יו"ט ליפמן פארקאש". דעמאלט איז נאכנישט געווען קיין משניות בית יהודא אדער אנדערע היימישע משניות מיט אידיש טייטש, עס איז נאר געווען די פיעטרושקא משניות. דער משניות איז געווען פון א פראגראם פון א איד אין בארא פארק ר' אברהם ציטראן, וואס האט פארטיילט דעם משניות אריינצוברענגען אין קינדער לימוד משניות, האט מיר מיין ברודער געשאפן אזוינס, כדי איך זאל אנהויבן לערנען משניות אזוי ווי דער רבי האט געוואלט.

אזוי זענען אדורך מיינע עלטערע קינדערישע יארן, מיטן הערן דעם געדאנק פון רעדן צום אייבערשטן און לעבן מיט אמונה.

אי"ה ביי א צווייטע געלעגנהייט וועלן מיר ווייטער ממשיך זיין מיט די סיפור התקרבות.

מוצאי שבת קודש פרשת קרח ביי מלוה מלכה האט דער

ראש ישיבה האט דער ראש ישיבה זייער שטארק ארומגערעדט איבער דאס גרויסקייט פון תשובה, אז דאס איז ברסלב'ע חסידות, "דראפע זיך און דערהאלט זיך", ביסט אראפגעלאפן - הייב זיך צוריק אויף, דער ראש ישיבה האט דארט זייער מאריך געווען אז די צעבראכנקייט נאך אן עבירה קומט פונעם סמ"ך מ"ם, און א מענטש דארף גלייבן אז אויב ער טוט תשובה איז ער א צדיק, און הערליכע התחזקות זיך אויפצוהייבן נאך א דורכפאל און פרובירן נאכאמאל וכו'.

אין איינע פון די טעג נאכפאלגנדיג דעם שיעור האט א אינגערמאן פון אנשי שלומינו געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז דער שיעור האט אים מורא'דיג געכאפט, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: "דאס רעדן מיר שוין צוואנציג יאר... וואס איז דיר יעצט נתחדש געווארן?" האט דער אינגערמאן געזאגט אז יעצט האט ער דאס זייער שטארק דערהערט, אז מ'טאר נישט אראפפאלן נאך אן עבירה, מ'דארף תשובה טון און גיין ווייטער, וכו', האט דער ראש ישיבה געזאגט א שיינע יסודות'דיגע זאך. ס'איז אמאל געווען א חשוב'ער רב וואס האט אויפגעטרעטן פאר א חשוב'ער פערזענליכקייט, ער איז געקומען צו יענעם און פאלאץ און געהאלטן א שיינע רעדע. דער רב איז געגאנגען מיט בענדל הויזן, אדער, ווי מ'רופט עס, ארויפגעצויגענע זאקן, און אינמיטן רעדן האט זיך געעפנט די בענדלעך פון די הויזן און דער רב האט זיך אראפגעבויגן דאס צוצומאכן, האט אים דער גבאי געקלאפט: "רב, ס'פאסט נישט! ס'פאסט נישט זיך אראפצובייגן אינמיטן און אויפטריט צובינדן די הויזן..." רופט זיך אן צו אים דער רב: "און שטיין אזוי מיט נישט פארמאכטע האלבע הויזן פאסט יא...?!" האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט: "דאס לערנען מיר ביים הייליגן רבי'ן, וואס קען איך יא טון? איך ווייס איך בין נאכנישט גוט, איך ווייס איך בין נאכנישט אזוי ווי עס דארף צו זיין, אבער איך וועל אריינכאפן וואס און ווי אזוי איך קען, דאס איז די חידוש פון רבי'ן".

אויך האט דער ראש ישיבה זייער שיין אויסגעשמועסט דער נקודה נאכן דף גמרא שיעור, בבא בתרא דף לח.

## ביים ציון אין קרית יואל

אזוי ווי מיר געפינען זיך שוין אינעם חודש פונעם יומא דהילולא פון רבינו הקדוש מסאטמער זכותו יגן עלינו, וועל איך מיטטיילן בעז"ה א שיינע מעשה וואס האט זיך לעצטנס אפגעשפילט ביי א חשוב'ער אינגערמאן פון אנשי שלומינו.

אזוי ווי פילע פרישע מקורבים, גייט דער אינגערמאן אדורך דעם "כל התחלות קשות", וואס איז מנת חלקם פון רובא דרובא פרישע מקורבים, צוליב די פילע לשון הרע'ס וואס מ'רעדט אויפן הייליגן רבי'ן, און אויף היכל הקודש בפרט.

ביי א געלעגנהייט איז דער אינגערמאן געווען אין שטאט קרית יואל, און ער האט זיך געכאפט אז יעצט האט ער דאך א געלעגנהייט זיך צו גיין אויסבעטן אביסל ביים ציון הק' פון הייליגן רבי'ן פון סאטמער זי"ע, זיך אביסל אויסגיסן דאס הארץ איבער די בלבולים און חלישות הדעת וואס ער גייט אריבער, און גלייכצייטיג מתפלל זיין אז ער זאל קענען מקיים זיין דעם רבינ'ס עצות און לימודים מיטן גאנצן הארץ.

אזוי דערזעט ער זיך ביים רבינ'ס ציון, וואו ער בעט "רבי, רבי, מה פשעי ומה חטאתי? וואס טו איך שלעכט אז איך וויל זיין אין א פלאץ וואו מ'לערנט מיר צו עפענען א חומש יעדן טאג, צו עפענען א גמרא יעדן טאג, זיך צו פרייען מיט פשטות יהדות; מיט מיין תפילין, מיט מיין ציצית, מיט שבת, מכבד זיין מיינע עלטערן און מיין ווייב'ס עלטערן, רבונו של עולם, איך האב באקומען אזא נאנטשאפט צו דיר זייט איך הער די שיעורים פונעם ראש ישיבה, מיין גאנצע אידישקייט האט באקומען א זיסע טעם, א געשמאקע טעם, מיין שלום בית איז געווארן אזויפיל בעסער, וכו' וכו'", אזוי אינמיטן טראכט ער: 'רבונו של עולם, איך האב נישט קיין ספיקות צי איך בין אויף א גוטע פלאץ אדער נישט, מבשרי אחזה, איך זע דאס מיט מיינע פליישיגע אויגן, אבער איך בעט דיר הייליגער באשעפער, ווייז מיר עפעס א סימן וואס זאל פארשטערקערן מיין התקשרות צו היכל הקודש, יעצט ווען איך גיי ארויס פון דא, פונעם ציון, ווייז מיר עפעס וואס האט צוטון מיט ברסלב'.

וואונדער איבער וואונדער, ער קומט ארויס פון ציון, און ער באגעגנט, נישט קיין צווייטער, ווי דער מפיץ הגדול מוה"ר נתן יאקאבאוויטש שליט"א...

גרשון קרעמער



# איסמאל האניא פון כאמאס אומגעברענגט געווארן אין איראן

די איראנער רעגירונג האט געמאלדן אז דער הויפט פאליטישע פירער פון כאמאס מיטן נאמען איסמאל האניא צוויי און זעכציג יאר אלט, איז אומגעקומען פארגאנגענעם דינסטאג נאכט פרשת מטו"מ אין זיין געהיימע דירה אין טעהראן וואו ער איז איז איינגעשטאנען, וויילענדיגן אין איראן זיך צו באטייליגן צום איינשווערונגס צערעמאניע פונעם נייעם איראנער פרעזידענט וואס איז פארגעקומען יענעם דינסטאג.

די איראנער רעגירונג האט ביים אנהייב נישט ארויסגעגעבן צופיל דעטאלן וואס עס איז דארט פארגעקומען, אויסער דאס אז ער מיט זיין לייב וועכטער זענען אומגעקומען אין אן אויפרייס, און אז זיי פארשן עס אויס, און וועלן באשטראפן די שולדיגע.

שפעטער איז ארויסגעקומען די נייעס אז ער איז געצילט געווארן דורך א מיסל וואס איז געווען געצילט דירעקט צו דעם צימער, אנדערע אינעם בנין זענען בכלל נישט געשעדיגט געווארן דערפון.

געוויסע האבן געוואלט זאגן אז דאס איז געווען א באמבע וואס איז שוין געליגן דארט פון צוויי חדשים פארדעם, ווייל מ'האט געוויסט אז ער האלט זיך דארט אויף ווען ער קומט קיין איראן, אבער געוויסע קוועלער לייקענען דאס, און זאגן אז ס'איז יא געווען א מיסל וואס איז געקומען צו פליען פון ערגעץ איראן האט ארעסטירט געוויסע חברה, וואס זיי קלערן אז זיי זענען געווען שפיאנען, און האבן איבערגעגעבן די אינפארמאציע וואו ער האלט זיך אויף און אזוי ווייטער.

דער בלוט דורשטיגער אכזר איסמאל האניא, איז געבוירן געווארן אין עזה מיט בערך 60 יאר צוריק, און איז אויפגעוואקסן מיט גאר ראדיקאלע איסלאמישע שיטות. ווען ער איז אויפגעוואקסן האט ער זיך אנגעשלאסן אין די כאמאס טערראר ארגאניזאציע, און האט שטארק מצליח געווען מיט זיין מארד קאריערע דארט. מיט בערך צוואנציג יאר צוריק ווען עס איז די ערשטע (און די לעצטע) מאל פארגעקומען וואלן אין עזה, איז ער ערוועלט געווארן אלס פרעמיער מיניסטער פון די פאלעסטינער אויטאריטעט, אבער ווען אבו מאזען האט אים פרובירט ארויסצושטויסן פון זיין אמט א יאר שפעטער, האט ער זיך אפגעבראכן פון די פאלעסטינער אויטאריטעט און געמאכט א פארטיי פאר זיך אין עזה, און זינט דאן האט ער זיך דערקלערט אלס פירער פון עזה.

האניא איז געווען א ברוטאלע מערדער, ער שטארבט מיט בלוטיגע הענט, ער איז געווען פאראנטווארטליך אויף דאס טויט פון טויזענטער מענטשן, סיי פון זיין אייגענע פאלק און אזוי אויך פון להבדיל אידישע קינדער. יעצט ווען ער האט באקומען זיין פארדינטע שטראף דארפן מיר זיכער מאכן אז מיר געדענקען פארוואס מיר זענען געקומען אויף דער וועלט.

דער הייליגער רבי לייגט אראפ אין סיפורי מעשיות די פארשידענע שיטות וואס מענטשן קוקן אן אלס די תכלית אויף דער וועלט, איינס פון די שיטות וואס דער רבי זאגט איז אז ס'זענען דא מענטשן וואס רציחה איז ליידער די תכלית, און אזוי איז אויכעט היינט, ס'זענען דא פעלקער ביי וועם וואס א גרעסערע רוצח, וואס א גרעסערע מערדער איז ער חשוב'ער.

ביים אייבערשטן איז אבער נישט אזוי, מיר דארפן פארשפרייטן לעבן אויף דער וועלט. עס ליגט אויף אונז א פליכט אויסצונוצן אונזערע יארן מיט מאכן דאס וועלט א בעסערע פלאץ, מיר דארפן מפיץ זיין דעם רבי'נס אור אויף דער וועלט, מגלה זיין און מפרסם זיין דעם אייבערשטנ'ס נאמען, וואס מיט דעם וועלן מיר זוכה זיין צו אלעס גוטס אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

**סוף גנב לתלי'**




# פראטעסירטער דרייען איבער די גאסן אין ווענעזועלע נאך צווייפעלדיגע וואל רעזולטאטן

ווענעזועלע - א לאנד אין דרום אמעריקע - גייט יעצט דורך א שטורעמישע צייט, מיט פראטעסטן איבער די גאסן און פראטעסטירער וואס נעמען איין דעם הויפט לופטפעלד פון לאנד. סטאטוס ווערן אומגעווארפן, און די סיטואציע איז זייער אנגעשטרענגט.

וואס האט פאסירט? ווער האט ארויסגערופן די אויפברויז פון די מאסן? עס זענען פארגעקומען וואלן, און ס'טוט זיך הויך יום טוב ווער עס איז דער געווינער.

דער יעצטיגער פרעזידענט "ניקולאס מאדורא" באהויפטעט אז ער האט באקומען 51% פון די שטימען אנטקעגן "עדמאנדא גאנזאלעז" וואס איז געלאפן אנטקעגן אים, דערפאר בלייבט ער אויפן אמט. אבער פילע אנדייטונגען און זיין היסטאריע ציינג אז ער פרובירט זיך האלטן ביי די מאכט, כאָטש ער האט העכסט ווארשיינליך פארלוירן צום אפאזיציע פירער, פרוי קארינא.

דער יעצטיגער פרעזידענט ניקולאס מאדורא איז שוין אויפן בענקל פאר צוויי טערמינען, נאכן געווינען די וואלן וואס קומט פאר יעדע זעקס יאר, אבער ווי ווארשיינליך ווערט עס געפאלשט, און אזוי קומט ער אלץ ארויס די געווינער.

אבער יעצט האבן די באפעלקערונג אפגעמאכט אז גענוג איז גענוג, און מ'גייט מער נישט צולאזן ער זאל זיצן ביים מאכט, און פארדרייען די אמת פון די וואלן. זיי זאגן אז "עדמאנדא גאנזאלעז" האט אין ווארהייט אנגעצויגן זיבעציג פראצענט שטימען, במילא איז ער דער נייער פרעזידענט אין לאנד.

די שכינות'דיגע לענדער בראשם די פאראייניגטע שטאטן האבן קלאר געזאגט אז זיי ווילן נישט טאלערירן אזעלכע אומלעגאלע שטיקעס, און זיי פארלאנגען אויפריכטיגע און אפענע רעזולטאטן. די דעקלעראציע אין אמעריקע איז געמאכט געווארן דורך סעקרעטערי אוו סטעיט טאני בלינקען, וועלכער האט געזאגט אז עס איז קלאר פאר יעדן פון די עכטע ציפערן און וואל רעזולטאטן, אז דער אפאזיציע קאנדידאט עדמאנדא גאנזאלעז האט באקומען די מערהייט פון אלע אפגעגעבענע שטימען. בלינקען זאגט אז יעצט איז די צייט פאר די ווענעזועלער פאליטישע פארטייען אנצוהייבן צו ארבעטן אינאיינעם פאר א פרידליכע טראנספער פון מאכט, אין א צייט וואס דער ווענעזועלער דיקטאטור ניקאלעס מאדורא האלט זיך ווייטער ביי זיינס אז ער האט געווינען. דער פרעזידענט פון ארגענטינע "מיילי" האט זיך אויסגעדרוקט שארף און קלאר "דער דיקטאטור מאדורא דארף שוין פליען."

וואס איז דער אמת? דאס ווייסט דער אייבערשטער, אבער אויב מיר נעמען היינט ארויס א חומש און מיר הייבן אן סדר דברים און מיר ענדיגן עס אויף סוף וואך, זענען מיר זיכערע געווינער. דערפאר ווילן מיר דא אויסרופן בשם הרבנים הגאונים שליט"א, איש בל יעדר, יעדער מוז ארויסקומען וועלן. "הבוחר בעמו ישראל באהבה", מיר ווילן שטימען פארן אייבערשטן, און דער אייבערשטער וועט אונז אויסוועלן, און מיר וועלן ארויסגיין דער זיגער, לקדש שם שמים.

נאך דער אייבערשטער קען בארויאיגן די מצב אין ווענעזועלע, און אין די גאנצע וועלט, אלע פראטעסטירער זאלן אהיימגיין, און דער אמת'ער זיגער זאל ארויסקומען.

מיר דארפן זיך בעיקר זארגן אז מיר זאלן זיגן אונזער אפאזיציע - דעם יצר הרע וואס פרובירט מיט אלע כחות מיר זאלן קאנסידן צו אים, אבער הי' לא תהי' מיר וועלן בלייבן קעמפן פאר'ן אמת'ן זיגער, און בשם השם נעשה ונצליח.

**הבוחר בעמו ישראל באהבה**

משה ארי' שניצלער

# תשובה גייטביידע וועגן

תשובה גייט ביידע וועגן, אהין און צוריק, און נאכאמאל אהין, און נאכאמאל צוריק, אהין און צוריק, ארויף און אראף, נאר נישט בלייבן אויף דער ערד.

ביל געטס איז דער קאפ פון יעדן קאמפיוטער, הענרי פארד איז דער מח פון יעדן אויטאמאביל, קריסטאפער קאלאמבוס איז דער ערפינדער פון אמעריקע.

אבער "פערפעקט"? איז נישט קיינער פון זיי!

קריסטאפער קאלאמבוס הייסט דער גרויסער ערפינדער וואס האט אנטדעקט אמעריקע. אבער ער האט געמוזט האבן נאך צוויי ערנסטע געלערנטע געשולטע קאפיטאנען אז מ'זאל אנקומען בשלום צו "די נייע וועלט", הנקרא בלשונינו "אמעריקע", מיט אלע דריי שיפן, די "נינא", די "פינטא" און די "סאנטא מאריא". איין קאפיטאן קען נישט במציאות פירן דריי שיפן אריבער דעם שרעקליכן אטלאנטיק אין שנת ה' רנ"ב לבריאת העולם.





הענרי פארד הייסט דער וואס האט געמאכט די גרעסטע אויטאמאביל רעוואלוציע, אז דורכשניטליכע פארדינער זאלן קענען זיין קאר אייגנטומער, אבער די וועלט בארימטע "אסעמבלי ליין" וואס פארד מאטאר קאמפאני האט פיאנירט, איז לויט טייל היסטאריקער די קרעדיט פון זיינע הויפט ארבייטער און נישט פון אים אליין.

(פארד איז אויך ליידער טרויעריג בארימט אלס א וויסטער אנטיסעמיט אויף א גלאבאלן פארנעם, ממש פון די גרעסטע אנטיסעמיטן אין די לעצטע צוויי הונדערט יאר! ער האט אפגעקויפט א צייטונג אין דירבארן, מישיגען, וואס האט געהאט א מיליאן סובסקרייבערס, מיטן ציל צו פארשפרייטן עקלהאפטיגע באשולדיגונגען קעגן אידן, דאס האט זיך אפגעווירקט אין א שרעקליכן אנטיסעמיטיזם אויפשטייג אין אמעריקע זיינערצייט - פון זיינע שוידערליכע העסליכע ארטיקלען איז געווארן געדרוקט א שענדליכן העץ ביכל "דער אלוועלטליכער איד" - דאס ביכל איז די ערשטע מאל געווארן געדרוקט אין א האלב מיליאן קאפיעס, און דערנאך געווארן איבערגעזעצט אין זעכצן שפראכן, דערונטער דייטש. דאס ביכל האט מען פינף מאל איבערגעדרוקט אין דייטשלאנד אין די דריי יאר 1920 - 1922. דער צורר היהודים היטלער ימח שמו האט אלץ געהאט עטליכע קאפיעס ביי זוך פון דעם ביכל, און האט געהאט א ריזיגן בילד פון הענרי פארד אין זיין ביורא אין מינכען)

דער אנדערער אויטאמאביל פיאנער איז רודאלף דיזל, ער איז דער ערפינדער פון דעם דיזל ענדזשין, דער דיזל ענדזשין האט א גרויסע מעלה אז ס'לויפט אויף ווייניגער ברענשטאף, ס'איז מער עקאנאמיקל, ס'איז ביליגער צו טרייבן,

**די וועג פון טשארדזשן די עלאן מאסק לעקטער קאר, איז פארבינדן מיט צופיל נערווענקריכעריי.**

אבער די וואס האלטן פאר זייער אחריות אז די וועלט זאל נישט אונטערגיין זאגן אז דער דיזל ענדזשין געבט ארויס א נישט גוטע ברענשטאף, וואס קען פאראורזאכן - לויט די אלצווייסער - אז די וועלט זאל קומען צו א קרעש מיט גאנצע פינף יאר פריער ווי לויט די שיטה פון די וואס זאגן אז פלעסטיק באטלעך איז דער איינציגער גורם פון א וועלט קראך.

נאך אן אנדערער אויטאמאביל פיאנער מיט גענוג און נאך שטיצערס און פארדאמערס, איז נישט קיין צווייטער ווי אונזער היינטיגער עלאן מאסק. די פילע שטיצערס וואס ער האט טענה'ן אז גענוג געווען מיט יא-אויל-נישט-אויל, יא-אראבערס-נישט-אראבערס, מ'גיימיר אריבער פון אויל צו לעקטער, און זאלן די בני ישמעאל זיך שטיקן מיט זייער פעטראליום! לעקטער קען מען נעמען פון א גוטע זעקס זיבן קוועלער, וואס האבן נישט קיין שייכות מיט דעם צודרייטן פרא אדם'ניק מיט'ן ריזיגן סווימינג-פול-האנטוך אויפ'ן קאפ, לעקטער קען מען גרינג האבן פון נוקלעאר, פון וואסער טורביינס, פון ברייעדיגע וואסער קוועלער (geothermal, כמעט גאנץ קאליפארניע נוצט geothermal לעקטער), נעטשורעל געז, און נאך. גענוג געווען מיט די מיטל מזרח פאליטיק, די מאנגל פון אויל אין שנת ה'תשל"ג האט געלערנט א לעקציע.

די פארדאמערס פון עלאן מאסק טענה'ן אז פיין און וואויל, זייער גוט נישט צו זיין אנגעוויזן אויף סאודי אראביע און קאוויט, אבער די וועג פון טשארדזשן די עלאן מאסק לעקטער קאר, איז פארבינדן מיט צופיל נערווענקריכעריי, זאגן זיי, דער עולם איז צוגעוואוינט צו א געזעלין סטעישן ביי יעדע צוועלף פיס אויפ'ן רוט סעווענטין, צווישן טינעק און ענגלוואד, מ'פארט אריין, פילער אפ סופער, מ'קויפט צעך א בענענע מיט א דייעט סאודע און ויסעו.

אזוי איז עס, יעדער ערפינדער האט מחלוקת אויף זיך, אויף יעדן ערפינדער קען מען טרעפן קריטיק, אפילו ביל געיטס וואס הייסט דער גרויסער brainstorm אונטער יעדן קאמפיוטער אין די היינטיגע טעג, וואס האט אנגעזאמלט באלד צוויי הונדערט ביליאן דאלער, ווייל יעדער וואס נוצט "ווארד" און "עקסעל" באצאלט אים א פרימיום צו ער וויל יא אדער נישט, ער איז גארנישט ווערד ווען נישט דשעיקאב בערזיילוס וואס האט ערפינדן "סיליקאן". אן סיליקאן קענסטו גרינגער קריכן צו די לבנה ווי בויען א קאמפיוטער. קיינער איז נישט פערפעקט, נישט געיטס, נישט מאסק, נישט איינשטיין. קיינער איז נישט

פערפעקט.

חיים ריקווערטס איז אויך נישט פערפעקט. חיים ריקווערטס איז דער ערפינדער פון די super gamma turbo vehicle, די וויכטיגמאכערס האבן עס גערופן אין קורצן די sugatu. על שם די ראשי תיבות פון super gamma turbo. דער וויהיקל האט געהאט אלעס וואס איר קענט זיך פארשטעלן אין ווייטסטן חלום, א וואפל מעיקר, א פאפקארן פאפפער, א סלאש מאשין, א רייס קוקער, א פיס קראצער, א נעגל שניידער, א שטריימל פיצער, א הוט בלאזער, ממש אלעס!

יעדן ערב ראש חודש ווען איר זעצט זיך אריין אין די "סוגאטו" קומט דער אויטאמאטישער שער מאשין און גָאלט אייך אפ דעם קאפ! די פונקטליכע שיעור פאה פאקט איין דעם געלונגענעם שערער אין שמש שטובל פון בני משה ד'קניידל-פארעם.

ליל ששי שפראצט ארויס פון צווישן די צוויי פאדערשטע זיצן, קושקע מיט לעבער, מארעך מיט גאלע, טורקי מיט שווארמע, טשולנט מיט פאסטראמע, הארטע קילבאסע, פון א קו א ווייסע, גערייכערטע פערפל, געדינצטע גריוועלער, מארינירטע פליגעלער, די גלאוו קאמפארטמענט עפנט זיך שטייטעלער מיט אייז קאלטע באבלדיגע קאלע סאדע, מיט א שטרוי ביז צום מויל אריין. דערנאך הייבט זיך אן די ארבעט פון די פאפיטע שיילער מאשין, וואס געבט אין מויל אריין געשיילטע פאפיטע'ס.

ווען מ'טוישט פון די רוט 4 צו די רוט 17, נעבן ikea, פליקט זיך א קליינטשיג טירל אויפ'ן דרייווערס רעדל, בערך צוויי אינטשעס דיאמיטער ברייט, ס'שטעקט זיך ארויס דאס קליינטשיג קעפעלע פון א בענענע! ס'שיילט זיך אליין אפ פון די אויבערשטע שפיץ! אזוי ווי איר בייסט אראפ די ערשטע צוויי אינטשעס פון די בענענע פארט עס שטייטעלער ארויס מיט נאך צוויי אינטשעס! אין די זעלבע רגע קענט איר מאכן א לחיים פון די דייעט-קאלע-שטרוי וואס פארט אראפ פון די דאך, (צושטטטייטעלללעררך, אז איר זאלט זיך נישט שרעקן חלילה).

ערב שבת קודש pop'ט ארויס פון נעבן די העזערד לייטס קנעפל א קליינטשיג נעגל שניידערל און שניידט פארזיכטיג די נעגל אויסלאזנדיג יעדע צווייטע נעגל ווי א pro.

ווען עס דוכט זיך אז די פיס קראצט עטוואס, קומט א מאשינקעלע וואס עפנט אויף די שיך בענדעלע און טוט אויס די זאקן און שיך און געבט א קראץ גיך.



טראכט איר פון אייער שפייז? שוין קראכט זיך אויף דריי געלעכלעך אין די הונטערשטע זיץ, די אייער ווערט אויפגעקלאפט און געפרעגלט און דערלאנגט דורך א אויטאמאטישן ארעם געמאכט פון ריין גאלד. איר האט אויך די אפציע צו ווערן געפיטערט לעפעלע ביי לעפעלע ווי א צוויי יעריגס. אויך קענט איר באפעלן אז די אייער שפייז דארף קומען מיט mozzarella און muenster.

די "סוגאטו" באזיצט אויך די אויסערגעוויינליכע כוחות צו דערשנאפן אויב עס שוועבט אויף אייך א גוט אויג. ווי נאר דער סוגאטו האט דאס מינדעסטע חשד אז איינער קוקט אויף אייך מיט א גוט אויג, רופט ער גלייך אן דעם רויבער, דעם לץ, דעם אידיש-געלט-זויגער וואס לאכט פון אידישע צרות, און פאראהאנדעלט סוקסעספולי אז מען וועט אייך אראפנעמען דאס גוט אויגעלע פאר בלויז פיר מאות אנשטאט אכט, א בלינדע מציאה!

אויך קען דער סוגאטו פילן אין די לופט אויב די הנהלה פון די חבורה "לומדי שני דפים לשנה דבני חריפות ד'סיליפוטי" פלאנט ארויסציווארפן אייער זיבעצן יעריגן תכשיט ווייל איר האט נאכנישט געברענגט די צוגעזאגטע פופציג אלפים אונטער'ן טיש, דער סוגאטו שיקט אויטאמאטיש א טשעיס קוויק פעי און פלוצלונג איז שוין דא פלאץ פאר אייער בחור.

אויב דער סוגאטו פילט אז אייער קאנפידענס לעוועל איז געפאלן צו א נידעריגן פונקט, האט עס גלייך

אנגערופן דעם טערעפיסט וואס האט געהייסן שמעקן אלטע צוויי וואכעדיגע פיש זאפט געמישט מיט צומאלענע ציגן הערנער וואס האט זיך געווייקט מיט די ציגעלע בארד. די פיר הונדערט דאלערדיגע טערעפיסט ביל איז גלייך באצאלט געווארן פון די קרעדיט קארד דורך די סאפיסטיקירטע סוגאטו אינצעליגענציע מאשין. (מיט נאך דריי מאות, פאר די זייטיגע הוצאות, א הונדערטער פאר די פיש זאפט, א הונדערטער פאר די הערנער, און א הונדערטער פאר די ציגעלע בארד).

אלעס אין דעם סוגאטו איז געווען גאלד! חיים ריקווערטס איז געווען אזא דזשיניעס אז ער האט געוואוסט ווי אזוי צו מאכן גאלד פון זאלץ! דאס איז געווען א סוד שבסודות! (מ'מישט א דריטל זאלץ מיט א דריטל בליטש און א דריטל אמאניע, מ'לייגט אריין פאר יעדע צוויי אונסעס, זיבעצן אייער-געלעכלעלעך, און היידא!! דאס זאלץ איז גאלד!).

דער סוגאטו האט געהאט אלע מעלות! אבער קיינער איז נישט פערפעקט! חיים ריקווערטס איז אויך נישט פערפעקט. אלעס האט חיים אריינגעלייגט אין די סוגאטו וואונדער-וויהיקל, נאר איין זאך האט חיים ריקווערטס פארגעסן! דער סוגאטו גייט נישט ריקווערטס! ס'האט נישט קיין reverse! אלעס! נאר נישט ריווערס! נאר נישט ריקווערטס! ס'קען נישט גיין צוריקציוועגס.

דאס האט מיך דערמאנט פון די תורה ביי שלש סעודות פרשת פנחס. דער ראש ישיבה האט זיך געשטעלט אויף די תורה אין ליקוטי מוהר"ן, תורה ו' אות ד'. וואו דער רבי' רעדט פון "צוויי וועגן אין תשובה", אז מ'דארף וויסן ווי אזוי מ'גייט צום אייבערשטן ווען אלעס איז פיין, ס'לערנט זיך, ס'דאווענט זיך, ס'מענטשלט זיך, און וויאזוי גייט מען צום אייבערשטן ווען אלעס גייט קאפויער, א האלבן טאג לערן איך נישט, א האלבן טאג ארבעט איך נישט, נישט אראפ צו שלינגען, נישט אויסצושפייען...

דער ראש ישיבה האט אויסגעשמועסט די וויכטיגע נקודה אז יעדער איינער כאפט א ברען צו לויפן צום אייבערשטן, איך גיי שוין זיין גוט, איך גיי שוין זיין וואויל, יעדער איינציגער איד האט דאס כסדר, ווייל א אידישע נשמה איז א שטיק פלאם פאר'ן אייבערשטן. נאר די טעות איז, ער ווייסט נישט אז אויב ער איז נאכאמאל אראפגעפאלן, קען ער נאכאמאל אנהייבן פון ניי. ער מיינט אז די גדלות איז צו גיין נאר פאראויס, ער ווייסט נישט אז ס'איז דא אזא זאך ווי ריקווערטס, אויב א קאר פארט אריין אין א שמאלע tight'ע אומריכטיג געסעלע, דארף ער נוצן דעם "ריווערס" ארויס צו בעקן פון דארט און שנעל נאך איינמאל אנהייבן צו גיין אויף די ריכטיגע וועג.

א טריט פאראויס, א טריט אויף צוריק, א טריט פאראויס, א טריט אויף ריקווערטס, נאר נישט אויפגעבן, נאר אנהייבן נאכאמאל און נאכאמאל. דאס איז וואס דער רבי' רופט אן "בקי ברצוא בקי בשוב" - ער איז א בקי ער ווייסט אז דאס לעבן גייט מיט עליות און ירידות. תשובה גייט ביידע וועגן, אהין און צוריק, און נאכאמאל אהין, און נאכאמאל צוריק, אהין און צוריק, ארויף און אראף, נאר נישט בלייבן אויף דער ערד. דער וואס מיינט אז תשובה גייט נאר איין וועג קען ווערן אינגאנצן פארלוירן חס ושלום.

אויב דו ווייסט נישט אז מ'פאלט אמאל אראפ, מ'גייט נישט אייביג נאר ארויף, קענסטו ווערן צובראכן beyond repair.

דו מוזט וויסן אז א מענטש האט ביידע כוחות, מ'לויפט און מ'פאלט און מ'לויפט און מ'פאלט, זע דו זאלסט נישט האבן א פנים ווי חיים ריקווערטס, אלעס איז דא, נאר אויב ער פארט אריין בטעות אין א שמאלע דעד ענד, האט ער נישט קיין וועג ארויס צו בעקן פון דארט. דאס איז נישט קיין תכלית! דו מוזט זיין צוגעגרייט אז אויב איך פאל אראפ אין א שלעכטע פלאץ האב איך שוין אין איין סקונדע א וועג צוריק צום אייבערשטן. און די עיקר וועג צוריק צום אייבערשטן איז דורך די מויל, דורך בעטן "היילגער באשעפער איך וויל צוריק גיין צו דיר, העלף מיר אייבערשטער".





# כ'הָאבּ נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער!



## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אוּמְגֶעפֶער צְוֵויי יָאר צוּרִיק, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער, אִיךְ שְׁפִּיר מַמָשׁ וִוי אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְפַאל. שׁוֹין גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעהָאפְט צוּ הָאבְּן אַ קִינְד, אָבֶער יֶעדְן טָאג וֶוער אִיךְ מֶער אוּן מֶער צֶעבְּרָאכְן זֶעעֶנְדִיג אַז אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.**

**אִיךְ הָאבּ זִיךְ מַמָשׁ גֶעמַאכְט אַ גָלוּת פַאר מִיר אַלֵיין, אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּ קַיין חֲתוּנוֹת וַוייל אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין דֶער רַחֲמָנוּת, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין מְצַעֵר מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס וַוארְטְן אוֹיף אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן דָאס מֶערְסְטֶע שְׁפִּיר אִיךְ נָאךְ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אִיךְ דַאוֶוען אוּן אִיךְ טוּ מִצְוֹת אוּן פְּרוּבִּיר צוּ זַיין ווֹאוִיל, פַארְוָואס טוּט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ מִיר? אוּן אוֹיבּ דַארְף עֶר מִיר נִישְׁט הָאבְּן, דֶעמָאלְט פַארְוָואס זָאל אִיךְ וַוייטֶער הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת?**

**אִיךְ וֵוייס אַז מְ'טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז אִיךְ הָאבּ יָא קַשְׁיוֹת? אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיין מֹחַ. וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְהֶערְן צוּ קוּקְן שְׁוַוארְץ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְהוֹיבְּן צוּרִיק טְרַאכְטְן נָארְמַאל אוּן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִידִישְׁקֵייט, אִין דִי צַייט וָואס יֶעדֶער הָאט קִינְדֶער אוּן נָאר אִיךְ נִישְׁט?**

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זֶענְט נָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין רַחֲמָנוּת, אִיר הַאלְט אִינְגַאנְצְן צְוֵויי יָאר נָאךְ דִי חֲתֻנָּה, אִיר וֶועט נָאךְ הָאבְּן קִינְדֶער.

דָאס אַז אִיר הָאט פַארְלוֹירְן וְכוּ' דָאס דַארְף אַייךְ שְׁטַארְקְן, וַוייל פוּן דֶעם זֶעט אִיר אַז אִיר אוּן אַייעֶר מַאן קֶענֶען הָאבְּן קִינְדֶער אוּן אִיר וֶועט נָאךְ הָאבְּן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער.

אִיר טוּט נִישְׁט גוּט אַז אִיר זֶענְט אַיינְגֶעשְׁפַּארְט, אִיר גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אוּן אִיר גֵייט נִישְׁט אוֹיף שְׂמְחוֹת; פַארְוָואס זָאלְט אִיר אַרוּם גֵיין מִיט אַ מַחְשָׁבָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אַייךְ? פַארְוָואס זָאלְט אִיר זִיךְ צֶעקְלַאפְּן אוּן טְרַאכְטְן אַז אִיר זֶענְט מְצַעֵר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן?! אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נָאךְ נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קִינְדֶער זֶענְט אִיר נִישְׁט מְצַעֵר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, מִיט דֶעם וָואס אִיר וֶועט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ דֶעפְּרֶעסְט אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג מִיט דֶעם וֶועט אִיר זֵיי וֵויי טוּן.

אַז אִיר ווִילְט הָאבְּן קִינְדֶער זָאלְט אִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייעֶר גָלוּת, פוּן אַייעֶר עַצְבוּת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן כב): **"מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים? יְפַזֵּר מְעוֹתָיו לַעֲנִיִּים, וִישַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ"**, אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה אוּן מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ דִי וַוייבּ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער; זֶעט מֶען אַז שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# דער עולם באָבלט

סיקומען שוין אריין שווערע ציפערן

---

**מסיבת הכנה אין**
**היכל ראזענבערג**
זונטאג פרשת עקב
פרטים יבואו


יעדער נעמט א חלק
**יעדער איז געטריי!!**

**האחיכם יצאו למלחמה ואתם תשבו פה?**

charidy.com/breslev
ט"ז - י"ח אב

אנשי חיל
געטרייע
סאלדאטן

*sruliHeskel

# היכל הלכה

## הלכות ימי בין המצרים (חלק ג')

**הקדמה:** 'שבת חזון' אזוי רופט מען די שבת פאר תשעה באב, על שם די הפטורה וואס חז"ל האבן מתקן געווען צו זאגן, 'חזון ישעיהו' די דריטע הפטורה פון די שלוש פורענותא.

עס ווערט געברענגט בשם די הייליגע קדושת לוי, [1] א איד זעט שבת דעם בית המקדש דלעתיד, דאס הייסט אז מען שפירט א מעין וואס מען וועט שפירן כשיהיה בית מקדשינו בב"א.

עס שטייט אין הייליגן תפארת שלמה (מאמרי שבת חזון ד"ה אז תרצה הארץ את שבתותיה בא"ד) שבת חזון איז דער גרעסטער שבת פונעם יאר. [2]

מעיקר הדין שבת חזון גייט אביסל אן דיני אבילות (כגון: כ' ברמ"א סעי' תקנ"א סי' א') אז מען טוט זיך נישט אן שבת'דיג, (וכגון כ' במג"א סעי' רפ"ב סקי"ד בשם הריב"ש) אז מען זאגט די הפטורה מיט די ניגון פון איכה. אבער ביי חסידים וואס גייען אויפן דרך פונעם אור שבעת הימים דעם הייליגן בעל שם טוב הקדוש זי"ע ותלמידיו הקדושים זי"ע, געבויט אויפן הייליגן אר"י הקדוש זי"ע איז מען גארנישט משנה דעם שבת ווי אנדערע שבתים פונעם יאר [3]. און אזוי אויך גייט אן די מנהג לגבי זיך וואשן ערב שבת קודש [4]

**הערה לפי רובי השואלים: די הלכות פון בעט געוואנט טראגט די זעלבע הלכות ווי וועש.** (מחב' תקנ"א סעי' ג'

**הלכות וואס זענען נוגע פאר שבת חזון:** א) מען מעג זיך שערן די נעגל לכבוד שבת קודש [5] (מ"ב סי' תקנ"א סק"כ)

ב) מען מעג זיך פוצן די שיך

ג) אויב מען האט נישט קיין וועש לכבוד שבת מעג מען וואשן (מג"א סקי"ד מ"ב סקל"ב)

ד) ערב שבת ביי טועמיה טאר מען נישט עסן קיין פלייש.

ה) פאר קליינע קינדער מעג מען געבן צו עסן פלייש אפילו פארן זמן שבת [6].

ו) מען מעג זיך אנטון בגדי שבת אין די צייט וואס מען טוט עס אן יעדע וואך אפילו שוין פון חצות [7].

ז) מען דארף נישט אויסטון די בגדי שבת תיכף נאכן זמן, נאר מען מעג גיין דערמיט גאנץ מוצאי שבת [8]

ח) ביי מלוה מלכה אז מען בענטשט מזומן על הכוס דארף דאס זיין אויף חמר מדינא ווי למשל ביר, אבער נישט קיין וויין, כאטשיג וואס די וויין פון הבדלה טרינקט מען יא. [9]

ט) די מנהג איז אז מען איז נישט מקדש די לבנה ביז נאך תשעה באב [10] (רמ"א סי' תקנ"א ס"ח וכן בסי' תכ"ו סעי' ב') אבער טאמער האט מען מורא אז עס וועט זיין פארוואלקענט מעג מען יא מקדש זיין פריער (ערוך השולחן סי' כ"ב) [11].

י) מען מעג נישט גיין שפאצירן ערב תשעה באב, (רמ"א סי' תקנ"ג סעי' ב') עכ"פ פון חצות און ווייטער [12]

י"א) עס שטייט אין די רמ"א אז פון חצות ערב תשעה באב מעג מען לערנען אזעלכע זאכן וואס מען מעג לערנען תשעה באב, אבער די אחרונים זענען מפקפק אויף דעם [עי' בב"ה ד"ה ולכן] ממילא איינער וואס לערנט יא ערב תשעה באב איז דא אויף וועם זיך סומך צו זיין [13] (ערוך השולחן סי' תקנ"ב סעי' י"ב)

י"ב) ערב תשעה באב ביי מנחה זאגט מען נישט קיין תחנון ווייל תשעה באב ווערט אנגערופן א יום טוב [14] (מחב' סי' תקנ"ג סעי' י"ב)

י"ג) מען פירט זיך צו עסן א גרעסערע סעודה פאר מנחה, כדי אז די תענית זאל נישט מזיק זיין, און נאך מנחה עסט מען די סעודה המפסקת (רמ"א סי תקנ"ב סעי' ט' ויש סמך לזה ממדרש איכה עי"ש)

## הערות

1) עי' בדרושי צמח צדק על מגילת איכה, וז"ל ענין שבת חזון שמעתי אאמו"ר ע"ה שסיפר בשם הרב מ'בארדיטשוב נבג"מ: עפ"י משל "עס איז געווען א טאטע וואס האט געהאט א בן יחיד, און ער האט אים געמאכט א לבוש יקר, דער קינד האט זיך נישט אויפגעפירט ווי עס דארף צו זיין, האט עס די טאטע צוריסן, - דער זון איז בעסער געווארן האט ער אים אויפגעניייט נאך איינס, ווייטער האט זיך דאס קינד נישט גוט אויפגעפירט, האט עב די טאטע נאכאמאל צוריסן, מה עשה האב? געמאכט א דריטע קלייד ולא נתן לו, ואמר לו, קוק! טאמער דו וועסט זיך אויפירן ווי עס דארף צו זיין איז די קלייד דיינס, וזה ענין שבת 'חזון', לשון מחזה, שמראין לכ"א וא' המקדש דלעתיד מרחוק.

2) וזלה"ק אז בזמן הגלות תרצה הארץ את שבתותיה הם השבתות המה לרצון לפני הקב"ה בשמחה גדולה, כמו שיסד מהר"ש אלקבץ בפיוטו לכה דודי, רב לך שבת בעמק הבכא, ימי המצרים בין י"ז בתמוז וט' באב המה עמק הבכא, ואז רב לך שבת - יום השבת קודש בימי בין המצרים, הוא יותר גדול מכל ימות השנה מפני שבימי החול גדול הצער, לכן בשבת קודש מתרבה השמחה למעלה וכו' עכ"ד, והדעת נותנת דשבת חזון דמפני שבחול יותר עמק הבכא, שבת היא בבחינה גדולה.

3) עי' בערוך השולחן סעי' י"א וז"ל בא"ד ולכן נלענ"ד דזה תלי באופן ההלבשה דאצל הקדמונים היתה הלבשת שבת וחול שוים בדמותם ובתמונתם, אלא ההפרש היה בין סחורה יקרה ובין פשוטה ולא היה ההפריש ניכר כ"כ... משא"כ זה כמה דורות מקודם ששבת היתה תמונה אחרת לגמרי להבגדים בין עני בין עשיר, כמו שבחול היו נושאין כובע של קלאפי"ן ובשבת שטריימיל, וכן שארי בגדים היה ניכר לכל שזה בגד חול כמו קיטאי"י... לפיכך הנהיגו הגדולים שלא להנהיג מנהג זה, מפני שההפרש ניכר הרבה והוי כמו אבילות בשבת ע"כ.

4) וכ"כ בס' משמרת שלום סי' מ', שאבותיו נהגו לרחוץ בחמין כשאר שבתות השנה, וכן נהגו ההולכים בעקבות הבעש"ט הק' זי"ע וכעת נהגו כמעט רוב העולם כם.

5) וז"ל קציצות צפרנים יש מחלוקת בין האחרונים, (שער הציין - טו"ז אוסר, ומג"א מתיר) אכן לצ' מצוה וכן לכבוד שבת שרי עיי"ש.

6) כ' בכף החיים ס"ק קנ"ה, א"ר (סקכ"ד) כ' דמותר לקטנים אחר חצות כיון שיש קצת קדושת שבת אחר חצות.

7) קובץ מבית הלוי (ביהמ"צ עמ' מ"ב)

8) הליכות אבן ישראל ע' שנ"ג - ולענ"ד דזהו בכלל כבוד שבת כמו כבדיהו בכניסתו וביציאתו. (לשון הפוסקים בהל' הבדלה, רמב"ם בכ"ט שבת ה"א סמ"ג מ"ע כ"ט, ועי' בס' החינוך)

9) כבר נתבאר בה'בלעטל בשבוע העעל"ט אות 24) דהמנהג אצלינו לשתות יין של הבדלה עי"ש מקורות, אבל במ"מ אין מקור מוסמך. מש"ה הוי כמו שאר דברים האסורין ודו"ק.

10) עי"ש מ"ב סק"י טעם דאין שריון בשמחה ויברכו בימים שלאחרי'.

11) עי"ש בשם בשם רבנו האריז"ל כי יש לקדש הלבנה במוצאי ט"ב כי בו ביום נולד בן דוד כמבואר במדרשים, וכ"כ בפרע"ח.

12) יש פלוגתא בין הפוסקים, כי בתורת חיים (סק"ג) כ' דאינו אסור אלא מחצות ואילך, וגם בפרמ"ג משבצות סק"ב נשאר בצ"ע על הדין של הרמ"א דאסר כל היום; וטעם האיסור שלא יבואו לידי שחוק וקלות



איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

י"ד) עס איז א מצוה צו עסן א סעודת המפסקת 15) (באר היטב סקי"ג בשם שו"ת הלכות קטנות ח"ב סעי' קל"ה) אויכעט מיידלעך און פרויען זענען מחיוב.

ט"ו) מען פירט זיך צו עסן ברויט 16) מיט אייער (רמ"א תקנ"ב סעי' ה') מען פירט זיך איינצוטינקען די ברויט אין אש (רמ"א סעי' ו')

ט"ז) די הייליגע חכמים ז"ל האבן מתקן געווען אז מען זאל נישט עסן ביי די סעודת המפסקת מער ווי איין עסן 17) (מחב' תקנ"ב סעי' א') ממילא מיר וואס מיר פירן זיך צו עסן אן איי מיט ברויט, עסט מען נישט מער עסן ביי די סעודה. אבער פרוכט מעג מען יא עסן אפילו פון עטליכע סארט, (מחב' סעי ד') 18) מען זאל זען צו עסן גענוג כדי מען זאל קענען פארנעמען די תענית (מ"ב סקט"ו כף החיים סקל"ה).

י"ז)מען עסט אויף דער ערד (מחב' סי ז') 20) אדער אויף א קליינע בענקל נידריגער ווי דריי טפחים 19)

י"ח) מען זאל זיין געווארענט נישט צו עסן דריי מענער צוזאמען כדי מען זאל נישט זיין מחויב מיט זימון, (מחב' סי' ח') בדיעבד אפילו מען האט יא געגעסן מיט דריי אירע צוזאמען מאכט מען נישט קיין זימון (מ"ב סקי"ט) ווייל עס הייסט נישט קיין קביעות.

י"ט) נאכן סעודת המפסקת אויב עס איז נאך פאר'ן שקיעה מעג מען נאך עסן (מחב' תקנ"ג סעי' א') חוץ אויב מען האט זיך אויסגענומען בפירוש אז מען וועט מער נישט עסן, אבער אויב מען האט נאר געטראכט אז מען וועט מער נישט עסן מעג מען נאכאלץ עסן (רמ"א שם) אבער בעסער איז אז מען זאל ארויסזאגן מיט די מויל אז מען וויל נאך עסן (מ"ב סק"ב בשם המג"א, עי"ש בשער הציון הטעם למה).

כ) אלע הלכות פון תשעה באב הייבן זיך שוין אן פון ביינאכט און אויך בין השמשות איז אסור (מחב' סעי' ב') ממילא איז אסור פון די שקיעה (מ"ב סק"ג און ביזן צאת הכוכבים מוצאי תשעה באב.

**די הלכות פון תשעה באב: עס איז אסור צו עסן, טרינקן, וואשן, שמירן, אנטון לעדערנע שיך, גריסן, ארבעטן, תשה"מ, און לערנען.**

כ"א) נשים מעוברות ומינקות יעשו שאלת חכם אם הם צריכים להתענות, ביי קליינע קינדער פירט מען זיך אז ביינאכט עסט מען נישט.

כ"ב) אפילו א חולה (או כגון הנמני באות כ"א) זאל מען נישט עסן קיין נאש וכדומה, (מחב' סעי ה')

**זיצן אויף א בענקל:** כ"ג) ביז דריי טפחים איז מותר, (עיין בהערות מש"כ למטה באות 19) פון חצות היום איז מותר צו זיצן הויעך (מחב' רמ"א סי' תקנ"ט סעי' ג').

כ"ד) מעוברות, אדער זקנים, שוואכע וכדומה קענען מקיל זיין צו זיצן אויף א נארמאלע בענקל (עי' בערוך השולחן ה' אבילות יו"ד סי' שפ"ז ס"ג) ווען מען פארט אין א קאר מעג מען זיצן געהעריג (אהלך באמיתך פל"ו אות כ"ג)

**זיך וואשן:** כ"ה) עס איז אסור זיך צו וואשן סיי קאלט און סייווארעם, אפילו אריינלייגן א פינגער אין וואסער טאר מען נישט, (לשון המחב' תקנ"ד סעי' ז', עפ"י מג"א סעי' תקנ"א סקל"ח) קליינע קינדער שהגיעו לחינוך, איז אויך אסור זיך צו וואשן.

כ"ו) ווען מען וואשט זיך צופרי נעגל וואסער, אדער נאכן גיין אין בית הכסא, אדער מען האט צוגערירט די שיך, אדער די מקומות המכוסים, אדער פאר'ן דאווענען, וואשט מען זיך ביז סוף פון די פיר פינגער'ס (שו"ע סעי' י' - רמ"א סעי' ט').

כ"ז) טבילה איז אסור 21).

כ"ח) אינדערפרי נאך נעגל וואסער ווען די הענט איז נאך פייכט מעג מען אפווישן די אויגן, (מחב' סעי' י"א) און אויך די פנים (מ"ב סקכ"ב) איינער וואס קען נישט פארנעמען אן אפוואשן די פנים מעג ער מיט מער וואסער (שם).

כ"ט) איינער וואס איז געווארן שמוציג מעג ער עס אפוואשן וויפיל עס פעלט אויס אראפצונעמען די שמוץ, (מחב' סעי' ט') אזוי אויך א קינד וואס האט זיך פארשמירט, און אויך מיט ווארעם וואסער אויב עס פעלט אויס. 22)

## הערות

ראש, כ"כ במחב' סעי' כ"א על האיסור בט' באב, עי' ביאור הלכה סי' תקנ"ג ד"ה ולכן מרירות על ביטול לימוד בעט"ב, עכ"פ יוצא משם דשחוק וקלות ראש יותר חמיר מאיסור לימוד של עט"ב אחר חצות, וה"ה לענינינו.

13) עי' בט"ז טענתו דאם אין איסור של בשר ויין למה נחמיר עליו שלא ילמד משום אבילות, ומהרש"ל נהג ללמוד בעט"ב אחר חצות, והתיר לאחרים ללמוד, וגם הגר"א כ' דהא חומרא יתירא, ובפרט כשמובא לידי ביטול תורה. - ועי' בב"ה ד"ה ולכן שמביא בשם המאמר מרדכי, ותוכן דבריו דביטול תורה והליכת בטל, יותר חמור מאיסור לימוד עט"ב אחר חצות.

14) עי' בערוך השולחן סי"ד וז"ל והענין הוא לסימן כי אנו מובטחים בהשי"ת שעוד יתהפכו הימים האלה למועדים ושמחה וימים טובים.

15) וז"ל ויש להביא סמך לדבריו מדאמרינן בברכות ח: כל האוכל ושותה בט' מעלה עליו הכ' כאי' התענה ט' וי' שהכנה הנעשה לדבר גדול תחשב גם היא לצדקה, לפיכך ליום אדיר ונורא כיוה"כ צריך לקבלו בשמחה רבה וכו', וכן גבי ט"ב שהוא יום ענות אדם נפשו, ולהתאבל על חורבן ביהמ"ק, וא"א להתקיים קודם שיאכל האדם, ואם לא היה גוזרין תענית בט"ב היה ראי' לאכול תמרורין, וכיון שצריך להתענות בו ואין ביכולת לקבלו בלא אכילה ראי' הוא שיעשנה כמו שהיה ראי' לעשות בט"ב בעצמו והו"ל כאילו התאבל ח' וט'

16) עי' במג"א סקי"ב לשון הירושלמי דף עה. רב מן דהוי אכל כל המאכלים נסיב חד פת ויהיב עליה קיטמא ואמר 'זו היא סעודת ט"ב'.

17) מקורו מהמשנה מסכת תענית כז. וכדעת ת"ק עט"ב לא יאכל אדם ב' תבשילין. - עי' טעם מ"ב סק"א כדי להרבות צער ולזכות חורבן הבית ע"כ. אבל עי' בראשונים רא"ש פ"ד סי' ל"ד ברובוי תבשילין יש כבוד ותעניג, ובר"ן י. ד"ה מתני' משמע טעם דהוי דרך חשבונות, ובאורחות חיים הל' ט"ב אות ו' כ' הטעם דאין להתענג בשררה עי' באשל אברהם מבוטשאטש טעם נפלא.

18) בכף החיים ס"ק כ"ח מסביר ד' המחב' דזה אינו חשוב, וז"ל, שאין זה לא דרך שררה ולא כבוד ולא תענוג.לבוש.

19 )קונט' עיון תפילה וכ"כ בס' חיים וברכה (הל' שמחות ערך ישיבה אות מ"ז) ודעת תורה (יו"ד סי' שפ"ז) הפוסקים מדמים להדין (ערכין ק. כתובות לא"י תוס' ד"ה ו"א) פחות מג' כארעא דמי, ויש להקל עד 12 אינטשעס, כיון דאינו אסור אלא ממנהג, ויש להקל גם בזה עד השיעור הגדול ביותר.

20) מג"א סק"ז, כדי שתהא הסעודה שפלה.

21) ולענין טבילת ב"ק דני הפוסקים, עי' דע"ת בשם הראשונים, דס"ל דמי שרגיל לטבול בכל יום תדיר יש להקל ג"כ ביוה"כ בצינעא, כן בכי' זהור חי, ובספרו מעשה אורג עמ"ס ברכות פ"ג מ"ד שמחיוב לטבול, דלא גרע ממי שהולך להקביל פני רבו, ומי שרגליו כהות שרוחץ אותה כיון שאינו לשם תענוג, וכ"ש זה שכל גופו רותת וחושך לו עי"ש, עי' באורחות חיים (ספינקא) ח"ב בסי' פ"ח.

22) בכף החיים סקמ"ו, מיהו מסתמיות הפוסקים משמע דאין חילוק [דהויני בין חמין צונן עי"ש לגבי המג"א] כיון דאינו מכוין לרחיצת ידיו, כ"א לרחוץ אותו דבר, [דהוא דיבר לגבי רחיצת בשר עי"ש] ומ"מ נראה דאם אותו דבר אי"צ לרוחצו בחמין יש ליזהר לרחצי בצונן.

# היכל הלכה

איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב



ל) איינער וואס ער האט גרויס צער טאמער ער שווענקט נישט אויס זיין מויל אינדערפרי, קען מען מקיל זיין פאר אים אויסצושווענקען די מול מיט אן אראפגעבויגענע קאפ (מ"ב סעי' תקס"ז סקי"א).

**זיך שמירן:** ל"א) מען מעג זיך נישט שמירן אום תשעה באב, (מחב' סי ט"ו) אבער לצורך רפואה מעג מען, 23) אפילו מיחוש בעלמא מותר 24) איינער וואס שוויצט מעג לייגן דיאודערענט 23) צוליב דעם איז אסור פאר א פרוי צו לייגן מעיקאפ, ליפ סטיק, אום תשעה באב.

פאר פרויען און מיידלעך

ל"ב) פשוט'ע צירונג וואס מען טראגט טאג טעגליך איז מותר צו גיין (לקט יושר יו"ד עמ' צ"ב).

**אנטון שיך:** ל"ג) עס איז אסור צו אנטון לעדערנע שיך, סיי מענער און סיי פרויען.

ל"ד) די פוסקים זאגן אז קליינע קינדער זאל מען אויך מחנך זיין מיט דעם (שבט הלוי ח"ז סו"ס רי"ח) .

ל"ה) תשה"מ אסור 25).

**זיך גריסן:** ל"ו) שאלת שלום איז אסור (מכב' סי כ') און אזוי אויך גריסן א גוטע נאכט און א גוט מארגן איז אסור.

ל"ז) הדיוטות וואס ווייסן נישט דעם דין, און זיי גריסן ענטפערט מען זיי מיט א שוואכע קול (שם).

ל"ח) מען געבט נישט קיין מתנות תשעה באב (מ"ב סקמ"א בשם המג"א).

**ארבעטן:** א איד מעג נישט ארבעטן תשעה באב ביז חצות, 26) דורך א גוי אויב עס איז נישט אזא גרויסע זאך ווי בויען א בנין (אוושא מילתא) מעג מען (מ"ב סקמ"ו)

ל"ט) קלייניקייטן ווי למשל אנצינדען א פייער, מאכן א קניפ וכדומה איז מותר דורך א איד (רמ"א סעי' כ"ב).

מ) זיך קובע זיין אויף אן ארבעט אפילו נאך חצות איז נישט אויסגעהאלטן, (מג"א סקכ"ז) און מען זעט נישט קיין סימן ברכה אין די געלט (מחב' סעי' כ"ד - כפי' מג"א הנ"ל).

מ"א) נאך חצות איז מותר צו קאכן און באקן, און טון אלע צרכי סעודה (מחב' תקנ"ט סעי' י').

**לערנען תורה:** מ"ב) די הייליגע חכמים ז"ל האבן גע'אסר'ט צו לערנען תשעה באב, ווייל די תורה מאכט פרייליך! זאכן פונעם חורבן כגון מדרש איכה איז מותר, (מחב' תקנ"ד סעי' א') ספרי מוסר און ספרי יראת שמים מעג מען לערנען.

מ"ג) זאכן וואס זענען פון סדר היום אזוי ווי קרבנות, איזהו מקומן, רבי ישמעאל, מעג מען זאגן (מחב' סעי' ד') .

מ"ד) ללמוד מעמדות וחק לישראל, וח"י פרקים משניות, מי שמקפיד בכל יום חק ולא יעבור, ויצטער אם לא ילמד, יש מי שמתיר, וכן המנהג אצלינו בהיכל הקודש 27)

**הלכות פארן בית המדרש** מ"ה) מען נעמט אראפ די פרוכת פונעם ארון קודש, (רמ"א סעי' תקנ"ט סי' ב') 28) מען לייגט עס צוריק ביי מנחה.

מ"ו) מען צינדט נישט אן אלע לעקטער, נאר כדי מען זאל קענען זאגן איכה און קינות (מחב' סעי' ג') 29).

מ"ז) מ'דאווענט דרך בני אבלים, וכן באמירת איכה, ביי יעדע קאפיטל איכה זאגט מען אלס אביסל העכער, און ביים לעצטן פסוק 'השיבנו' זאגן אלע מיט, און ערשט דערנאך דער חזן (כ"ז ברמ"א תקנ"ט סעי' א').

מ"ח) נאך מעריב זאגט מען קדיש תתקבל (באר היטב סק"א) און נאך איכה זאגט מען נישט קדיש תתקבל (עי' כ"ז שם)

מ"ט)צופרי איז מען מאריך מיט זאגן קינות ביז ארום חצות (רמ"א סי' ג').

**כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה, ויה"ר שיבנה בית המקדש במהרה בימינו וכבר נזכה לשמוע תשובה על השאלה הגדולה איזהו מקומן של זבחים!**

## הערות

23) כן נראה ד' המחב' שכ' סיכה אינה אסירה אלא לתעניג.

24) דאינו דומה להל' שבת, פשוט.וכן כ' המחב' סעי' י"ד עי"ש

25) עי' מחב' סי' תקנ"ד סעי' ח"י דאסור לישן במטה אחת משום לך לך אמרינן לנזירא, ועי' מ"ב סקל"ז דאסור ליגע באשתו היא נדה, ואפשר דה"ה לגבי ט"ב. ואני בעניי רגיל לומר בשם בעל באר משה מדעברעצין ז"ל, וזה אינו חומרא זה קולא כדי שלא יבא לעבור על איסור של ביאה, ודו"ק.

26) כעי' בשו"ע סי' ב' דתלי במנהג, אבל כמ"ב סקמ"ה כ' דבמדינתינו הוי כן המנהג.

27) כ"כ בספר פרח מטה אהרן, בקונט' הג' לשו"ע סי' תקנ"ד לדמות לט"ז סי' תקנ"ד סק"ג שכ' דת"ב שחל ביום ה' דרשאי לעבור הסדרה בת"ב, כיוון שבע"ש טרודין בצרכי שבת, הובא בבה"ט סק"ה וא"ר סק"ו, דה"ל כסדר היום, וא"כ ה"ה בזה שמבואר באריז"ל ללמוד סדר הזה, ומשא"כ בכף החיים סי קל"ב סק"ד הה"ד לעניו זה עי"ש. וכ"כ בהקדמות ספה"ק באר מנחם עה"ת, שהרה"ק מ'קאלוב זי"ע לעת ערב לבש הטלית ותפילין, והשלים כל השיעורים שנהג ללמוד בשאר ימים בבוקר, וכ"כ בגשה"ח פב"א אות ה' סק"ג דמי שמקפיד ללמוד בכל יום חק ולא יעבור ויש לו צער אם לא ילמוד מותר ללמוד בימי אבלו סדרי חק לישראל. ומוהרא"ש זי"ע היה אומר כן להבחורים דהשיעורים הקבועים אשר המה בכל יום מותר ללמוד אחר מנחה.

28) עי"ש ברמ"א ע"ש הפסוק (איכה ב' י"ז) ביצע אומרתו, ודרשו חז"ל שכביכול קרע לבישו בזמן החורבן מש"ה מסורים הלבוש של הארון קודש, ובכף החיים כ'דבמנחה חוזרין את הפרוכת, ודכמו שלובשין הטלית במנחה, וזה שאין לובשין הטלית בבוקר הו' ג"כ הטעם, משום ביצע אמירתו.

29) טעם עי' בב"י כדאיתא במדרש טעמא שאמר הקב"ה למלאכי השרת בשעת החורבן, מלך בשר ודם כשהוא אבל מהו עושה? א"ל מכבה את הפנסים שלו, אף אני עושה כן, שמש וירח קדרו _(יואל ב' י. ד' ט"ו) לבוש כ' עוד טעם עי"ש

# און די געווינער איז...

| # | נאמען | |
|---|---|---|
| 1 | ר' ישראל העסקל נ"י | TIP TOP |
| 2 | ר' יוסף פריעדמאן נ"י | CLASSIC VISION |
| 3 | ר' בערל שניצלער נ"י | א יאר מקוה |
| 4 | ר' נחמן שמואל יאקאבאוויטש נ"י | YOELY'S HEATING & COOLING |
| 5 | ר' אברהם פרידריך נ"י | TOTAL WINDOW DECOR |
| 6 | ר' שמעון אביש נ"י | UPPER SHOES |
| 7 | ר' מרדכי היימליך נ"י | BLOOMS FLOWERS |
| 8 | ר' משה יחיאל פעלדמאן נ"י | RevealAir |
| 9 | ר' מרדכי היימליך נ"י | TOYS2 DISCOVER |
| 10 | ר' אשר לעווי נ"י | DURA DEX |
| 11 | ר' אברהם פרידריך נ"י | ZAFTIG |
| 12 | ר' יצחק אייזיק ראטה נ"י (האשקי) | CUSTOM SHOWROOM |
| 13 | ר' גדלי' אפעל נ"י | lemonade SUPERMARKET |
| 14 | ר' לייב אפעל נ"י | DELICIOUS FISH Liberty, NY |
| 15 | ר' לייב ראטה נ"י | שכר לימוד |
| 15 | ר' יהודה אייזנער נ"י | שכר לימוד |
| 16 | ר' חיים ישעי' דעפרין נ"י | |
| 17 | ר' שמעון עוזר גרינפעלד נ"י | D&S APPLIANCES |
| 18 | ר' שלמה רוטה נ"י | KB GROUP property management and construction team |
| 19 | הבה"ח משה ווייס נ"י | DRY GOODS |
| 20 | ר' יחיאל מיכל ראזענפעלד נ"י | Delicate Rose |
| 21 | ר' אפרים פעלדמאן נ"י | Scented Sensation |
| 21 | ר' שבתי מזרחי נ"י | Scented Sensation |

זונטאג מטות-מסעי

*sruliHeskel



# מעשיות פון תפילה


## מנחם שטיינבערג
קרית ברסלב


איך האב פארלוירן מיין שבת'דיגע טלית. איך האב עס געזוכט אין אסאך פלעצער וואס איך האב געטראכט אז אפשר איז עס דארט אנגעקומען. נאכן זוכן אזא לאנגע צייט האב איך מיך שוין כמעט מייאש געווען געווען. אבער איך האב אפגעמאכט אז איך גיי נישט אויפהערן צו בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם אפילו עס זעט אויס ווי א תפילות שוא.

איין טאג האב איך געוואלט ארויסגיין רעדן צום אייבערשטן ארום מיין הויז, אבער ס'האט דעמלט אנגעהויבן רעגענען, האב איך געטראכט אז איך וועל נישט גיין יעצט התבודדות, נאר גיין א צווייטע מאל.

אבער נאכדעם האב איך געטראכט אז איך גיי מיך נישט לאזן פון די רעגן, איך בין געגאנגען זוכן א שירעם ביי מיר אינדערהיים. אזוי זוכענדיג א שירעם, האב איך באמערקט אינטער אלע שאלס ליגט זיך דארט אזוי שיין מיין שבת'דיגע טלית.

דורך גיין רעדן צום אייבערשטן און בעטן דעם אייבערשטן האב איך געטראפן דעם טלית.


## אלי ציג
וויליאמסבורג


איך בעט שוין דעם אייבערשטן אסאך יארן אז איך זאל זוכה זיין צו האבן נאך א קינד. דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט אז דאס וועגדט זיך נאר אינעם אייבערשטן, פארלאז דיך נישט אויף קיינעם נאר אויפן אייבערשטן, דאס האב איך טאקע געטון, איך האב אסאך געבעטן אויף דעם.

יעדע מאל ס'איז אריינגעקומען שלעכטע מחשבות פון

אויפגעבן האב איך געמאכט נאך א תפילה.

שכח אייבערשטער אז פארגאנגענעם זונטאג דברים האב איך זוכה געווען צו האבן א אינגל למזל טוב.

## יודא לייב ווייס

קרית ברסלב

א שטיק צייט האבן די שטאטישע באאמטע געמאלדן אז זיי גייען איבערמאכן די גארדאן האוז בריק, אזוי ווי מ'האט פאריאר איבערגעמאכט די דענמאן בריק.

אזוי ווי אלע האבן מיטגעהאלטן ביי די דענמאן בריק, האט מען זיך זייער געמוטשעט אריבערצוגיין דעם וואסער בשעת מ'האט געארבעט דארט, וואס דאס האט זייער פארשווערט אנצוקומען די אנדערע זייט וואסער, בפרט ווען מען האט געוואלט גיין דאווענען ביים ראש ישיבה אויף האשקי, געוויסע זענען אריין אינעם וואסער (וואס איז נישט אזוי טיף) און אזוי אדורכגעגאנגען.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז דא ביים דעם בריק זאל יא זיין עפעס א נארמאלע וועג אדורכצוגיין בשעת מען ארבעט דערויף, און אויך דא איז נישט דא די עצה פון אריינגיין אין וואסער, ווייל ס'איז א טיפע וואסער.

די טאג איז אנגעקומען, מ'האט אנגעהויבן ארבעטן אראפצונעמען די אלטע בריק, איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אויף א וועג אדורכצוגיין.

איין שיינעם טאג זע איך אז מען הייבט אן ארבעטן אויף עפעס א צייטווייליגע זייטיגע וועג פאר די צייט וואס מען ארבעט אויפן בריק, און די ארבעטערס דארפן גיין פון איין זייט וואסער צו די אנדערע, איך האב ממש געזען באשיינעפערליך וואס תפילה טוט, זיי האבן אהערגעשטעלט א שיינעם וועג פאר מיר נאכן בעטן דעם אייבערשטן דערויף.

בייגעלייגט איז א בילד פונעם צייטווייליגן וועג הארט נעבן די וואסער.



## יצחק אייזיק ראזענבוים

קרית יואל

דאנערשטאג נאכט פרשת בלק האט זיך מיין קינד אויפגעוועקט צו זייער א שטארקע היסט, ס'האט אויסגעזען זייער נישט גוט, איך האב פרובירט צו מאכן הייסע פארע, אבער ס'האט נישט געהאלפן, למעשה האט מען גערופן הצלה, זיי האבן געזאגט מ'זאל אריינפארן אין שפיטאל, זיי ווילן געבן עפעס א מעדעצין וואס איז גוט פאר דעם.

אינמיטן האט איינער פון די הצלה מעמבערס זיך אנגערופן אז ער האט די מעדעצין אין די קאר, ער האט מיר עס אהינגעגעבן, אבער נאך א שעה האבן מיר געזען אז ס'ווערט נישט בעסער.

איך האב א גאנצע צייט געבעטן דעם אייבערשטן אז די היסן זאל אוועקגיין, מיין קינד זאל זיין אינגאנצן געזונט און שטארק

מיין קינד האט זיך אנגערופן צו מיר: "טאטי מ'דארף בעטן דעם אייבערשטן און געבן צדקה." אזוי האבן מיר געטון, למעשה האט די הצלה געזאגט אז מ'זאל אריינגיין אין שפיטאל

מ'איז אריין אין שפיטאל, פארשטייט זיך מ'האט מיטגענומען אפאר בלעטלעך און עצתו אמונה פאר הפצה. אויפן וועג האבן מיר געזען א פושקע אויף די וואנט, איך האב מיך אנגערופן אז איך וועל איבערלאזן א מעשה פון תפילה, און געבן א שיינע סכום צדקה פאר די מוסדות אין ארץ ישאל אויב דאס זיין אין שפיטאל נעמט גאר שנעל, נישט מער ווי א שעה.

למעשה בין איך אין בערך א שעה געווען אינדרויסן פון שפיטאל מיט א געזונט קינד. שכח אייבערשטער.



# א מעשה
## פון א צדיק

# זַיינֶע בְּרָכוֹת וֶוערְן מְקוּיָּם

דֶער הֵיילִיגֶער שְׂפַת אֱמֶת פוּן גוּר זי"ע, הָאט אַמָאל צוּגֶערוּפְן זַיין תַּלְמִיד, אוּן גֶעזָאגְט עֶר זָאל פָארְן צוּ אַ גֶעוִויסֶע פָּשוּטְעֶ אִיד וָואס וואוֹינְט אִין שְׁטָאט וַוארְשָׁא. אוֹיךְ הָאט אִים דֶער שְׂפַת אֱמֶת גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל נֶעמֶען צְוֵויי פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אֵיינְס אִיז גֶעוֶוען רֶבִּי אַבְרָהָם מָרְדְּכַי זי"ע (וָואס אִיז שְׁפֶּעטֶער בַּאוואוּסְט גֶעוָוארְן אַלְס דֶער אִמְרֵי אֱמֶת פוּן גוּר), אוּן אוֹיךְ זַיין יוּנְגֶערֶע זוּן רֶבִּי מֹשֶׁה בְּצַלְאֵל זי"ע, אוּן גֵיין צוּ דֶעם אִיד אַז עֶר זָאל בֶּענְטְשְׁן זַיינֶע צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

פַאר דֶעם חָסִיד אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, וָואסְפַארַא כֹּחַ הָאט שׁוֹין דֶער פָּשוּטְעֶ אִיד? אָבֶּער אוֹיף אַ רֶבִּי פְרֶעגְט מֶען נִישְׁט קַיין שְׁאֵלוֹת. אִיז עֶר גֶעפָארְן קַיין וַוארְשָׁא אוּן הֵייבְּט אָן זוּכְן אָט דֶעם אִיד, אָבֶּער קֵיינֶער אִין שְׁטָאט הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם אִיד צוּ זָאגְן, דֶער תַּלְמִיד הָאט אָבֶּער נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען זוּכְן אִינֶעם גַאנְצְן שְׁטָאט. עֶנְדְלִיךְ נָאךְ גְרוֹיס מִי אוּן פְּלָאג הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן דֶעם אִיד.


א ברית ביי מוהרא"ש זי"ע

עֶר קוּמְט אַרַיין צוּ דֶעם אִיד צוּזַאמֶען מִיט דִי צְוֵויי קִינְדֶער פוּן זַיין רֶבִּי דֶער שְׂפַת אֱמֶת, אוּן עֶר וֶוערְט אִיבֶּערְרַאשְׁט, עֶר זֶעט אַז דָאס אִיז אַ פָּשוּטְעֶ מֶענְטְשׁ! דֶער תַּלְמִיד הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אִיד עֶר זָאל אָנְוִוינְטְשְׁן דִי קִינְדֶער, אָבֶּער דֶער אִיד רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִים: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ וִוילְסְט פוּן מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנוּנְג פַארְוָואס דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּ מִיר, אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט". דֶער תַּלְמִיד הָאט גֶעזֶען אַז דֶער פָּשוּטְעֶר אִיד מַאכְט זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, נָאר בֶּאֱמֶת וֵוייסְט עֶר נִישְׁט, אוּן פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען וִויל פוּן אִים, עֶר אִיז נִישְׁט אֵיינֶער וָואס קֶען וִוינְטְשְׁן, אָבֶּער אַז דֶער רֶבִּי שִׁיקְט צוּ אִים פָאלְגְט מֶען.

הָאט עֶר זִיךְ פַאר'עַקְשְׁנְ'ט אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דָא, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן, אָבֶּער טוּ מִיר אַ טוֹבָה מַיין רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן זָאלְסְט זַיי בֶּענְטְשְׁן". דֶער אִיד הָאט נָאכְגֶעגֶעבְּן אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען וואוּנְטְשְׁן דִי קִינְדֶער מִיט אַסַאךְ בְּרָכוֹת, אוּן בִּפְרַט דֶעם עֶלְטֶסְטְן זוּן רֶבִּי אַבְרָהָם מָרְדְּכַי הָאט עֶר אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן מִיט גָאר גָאר אַסַאךְ בְּרָכוֹת.

עֶר גֵייט אַרוֹיס אוּן טְרַאכְט, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט! וָואס גֵייט דָא פָאר?, דֶער אִיד זֶעט אוֹיס צוּ זַיין זֵייעֶר פָּשוּט, אָבֶּער קֶען זַיין אַז עֶר אִיז פוּן דִי בַּאהַאלְטֶענֶע ל"ו צַדִּיקִים!

דֶער תַּלְמִיד גֵייט צוּרִיק צוּם שְׂפַת אֱמֶת ז"ל אוּן זָאגְט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט צוּ דֶעם אִיד, עֶר אִיז זֵייעֶר אַ פָּשוּטְעֶ אִיד, עֶר אַלֵיינְס וֵוייס נִישְׁט וָואס מֶען וִויל פוּן אִים". הָאט דֶער שְׂפַת אֱמֶת דֶערְצֵיילְט אַזוֹי: "דָאס אִיז אֱמֶת אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ פָּשוּטְעֶ אִיד, אָבֶּער אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט מַאכְן אַ בְּרִית מִילָה פַאר זַיין זוּן, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט פַאר דִי סְעוּדַת מִצְוָה, הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַלֶע כֵּלִים וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִינְדֶערְהֵיים אוּן דָאס פַארְקוֹיפְט, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהַאט גֶעלְט פַארְן סְעוּדָה. לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן אָן קַיין כֵּלִים בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ.

דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע רַעַשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל, אַן אִישׁ פָּשוּט זָאל טוּן אַזַא זַאךְ, הָאט מֶען אָפְּגֶעמַאכְט אוֹיבְן אִין הִימְל אַז מֶען גֵייט אִים בַּאלוֹינֶען דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אַז וֶועלְכֶע בְּרָכָה עֶס גֵייט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן זַיין מוֹיל גֵייט מְקוּיָּם וֶוערְן, אָבֶּער דֶער פָּשוּטְעֶר אִיד וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט פוּן דֶעם מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

הָאט מוֹהֲרָא"ש אוֹיסְגֶעפִירְט: זֶעט מֶען פוּן דָא וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען דוּרְכְ'ן טוּן אַ מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר קֶען הָאבְּן אַ דֵעָה אִין הִימְל, אַז אַלֶע זַיינֶע בְּרָכוֹת קֶענֶען מְקוּיָּם וֶוערְן.

(שיחות מוהרא"ש חלק י', ערך מסירות נפש)



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



## פ"ד

### פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ציִעֶט זִיךְ אַרַיין אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב.
נָאכְן עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים אוּן דִי רָאשֵׁי הַקְהִלָּה פוּן שְׁטָאט, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְנֶעמֶען אַלְס רָב אִין שְׁטָאט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי אַהֲרֹן, אוּן דִי שְׁטָאטְ'ס לַייט הָאבְן מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ.
דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן הָאט גֶעזָאגְט, "נִישְׁט נָאר אִים דַארְף מֶען דַאנְקֶען וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן רָב בַּיי אוּנְז, נָאר אֲפִילוּ דִי פֶערְד וָואס בְּרֶענְגֶען אִים".

דֶעמָאלְט, אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין קַיין בְּרֶסְלֶב, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם אוֹיבּ סְ'אִיז דָא דָארְט אִין שְׁטָאט אַ גוּטֶע פְּלַאץ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צוּ זַיין, הָאט אִים יֶענֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז סְ'אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע הֵייל, סְ'אִיז אָבֶער אַבִּיסְל וַוייט פוּן שְׁטָאט. הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, "וַוייט?! וִוי וַוייט אִיז פוּן מוֹיל בִּיז צוּם הַארְץ?", וִוי אֵיינֶער זָאגְט אַז מְ'קֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן טְרִיט וָואס לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אִין וֶועג בִּיז מְ'קוּמְט אָן אַהִין, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיפְ'ן צוּרִיק. וַוייל וֶועט עֶס גְלֵייבְּט בֶּאֱמֶת אַז סְ'אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ בַּיי אִים צוּ זָאגְן אַז אַ פְּלַאץ אִיז וַוייט, וָואס אִיז שַׁיָיךְ וַוייט, וִוי וַוייט אִיז דֶען דֶער מוֹיל פוּנֶעם הַארְץ, וְדוֹ"ק. אוּן דַאן אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעוִויזְן וואוּ דִי הֵייל גֶעפוּנְט זִיךְ.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ טַאקֶע אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִין דֶעם הֵייל. בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט מֶען עֶס גֶערוּפְן "דֶעם רֶבִּינְ'ס הֵייל", אוּן זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ אוֹיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין דָארְט.

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת אַ אִיד פוּן נֶעמִירוֹב מִיטְ'ן נָאמֶען ר' לִיפָּא. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ חַסִידִישֶׁער אִיד וָואס אִיז גֶעפָארְן צוּ אַסַאךְ צַדִיקִים פוּן יֶענֶעם דוֹר, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אִין זַיין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב [וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אוּמְגֶעפֶער פוּפְצְן קִילָאמֶעטֶער פוּן בְּרֶסְלֶב] אַז סְ'אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אִין שְׁטָאט, הָאט אִים גֶעכַאפְּט אַ גְרוֹיסֶע חֵשֶׁק צוּ פָארְן צוּ אִים.

עֶר אִיז טַאקֶע גֶעפָארְן אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּם עֶרֶב שַׁבָּת, אוּן אִין לוֹיף פוּנֶעם שַׁבָּת הָאט עֶר גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן גָאר שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן, וָואס הָאט אִים זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן הִתְלַהֲבוּת, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען אַלֶע תְּפִלּוֹת וָוארְט בַּיי וָוארְט, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חַיוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת.

בַּיי דִי שְׁמוּעֶסְן יֶענֶעם שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ מָאל זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אִיךְ זֶע אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה אִין אוּקְרֵיינָא נָאנְט צוּ בְּרֶסְלֶב!". אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר גְרוֹיס פוּן דִי נֵייעֶ נְשָׁמָה, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶועמֶען דֶער רֶבִּי מֵיינְט דֶערְמִיט.

יֶענֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וָואס מֶען הָאט דַאן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן סְלִיחוֹת, הָאט ר' לִיפָּא בַּאשְׁלָאסְן צוּרִיק אַהֵיים צוּ גֵיין קַיין נֶעמִירוֹב, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע צוּרִיק גֶעפָארְן אוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ מִנְיָן וָואס הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט זָאגְן סְלִיחוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוּנְטֶערְן אוֹיְוון אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְזָאגְן סְלִיחוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי סְלִיחוֹת וָוארְט בַּיי וָוארְט מִיט הִתְלַהֲבוּת אוּן חַיוּת, מִיט גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת אוּן גֶעשְׁמַאק, וַוייל עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר אָנְגֶעוַוארֶעמְט פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

**וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט**
**לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**

# איך קען האבן דיין קינד?

ישראל דוד העסקעל

ס'איז נישט אז ער איז אייביג געווען שיין צוזאמענגענומען און גוט אויסשטאפירט, ס'איז נישט דווקא זיין גוטן פיסק מיט זיין געשליפן צינגל, ס'איז אויך נישט ווייל ער קומט פון די פענסי' ברענד נעים משפחה, וואס איז זיך נאר משדך מיט אנדערע פענסי' ברענד נעים משפחות, ער האט פשוט א נאטירליכע חן!

יעדער וויל מיט אים שטיין ביים קופקע און הערן פון אים זיינע פערל רייד, מענדי איז גאר פאפולער, ער האט א שטאק מיט חברים, גוטע קאנטעקטס, פעסטע באדדיס, א ריכטיגע קנאקער. און צו אלעם איז ער א פיינער, א חסידישער אינגערמאן מיט א באשיידענע לבוש...

מענדי האט געהאט פעסטע חלומות, ער האט גאר גוט פארשטאנען צו ביזנעס, ער האט גוט געוואוסט ווי אזוי צו שפילן מיט א דאללער, וואו און ווען אריינצולייגן, און ווען ארויסצונעמען. ער האט אויסגענוצט יעדע ברעקעלע סעקונדע אויף זיך צו דערלערנען אלע טריקס פון די גאר גרויסע עקספערטן, דורכגעזעצן עטליכע סעמינארן, ביז ער האט זיך געשפירט גענוג פארזיכערט מיט זיך.



ער האט זיך ארויסגעדינגען א קליינע אפיס'ל אויף זעכצענט עוועניו אין בארא פארק, און אנגעהויבן זוכן אינוועסטירער ווער וועט זוכה זיין אריינצושטעקן אין אים... ער נעמט נישט סתם איינער...

פון זיינע גוטע חברים און עטליכע משפחה מיטגלידער האט ער באוויזן צוזאמען צו קראצן א גאנצע מעלאנע, און האט ער אנגעהויבן שפילן מיט דעם, אינוועסטירן און וואקסן און פאלן - עליות מיט ירידות, ס'האט זיך געטון א מצב!!!!

אבער דער בחור האט עס באוויזן, מיינסט אוודאי אז ער האט דערלייגט די גאנצע געלט?! מסתמא האט זיך יעדער מיט אים צוקריגט? מיינסט אז ער איז געבליבן בעירום ובחוסר כל?

נע בכלל נישט, אויב איז ער אמאל געווען פאפולער איז ער היינט די העלד פון אלע

העלדן, ער האט באוויזן איבער צו דרייען דעם מעלאנע אויף גאנצע צוואנציג מיליאן דאללער!!! יא איר האט גוט געליינט צוואנציג מיליאן! אלע זענען אויף אים מודה אז ער איז אן ערנסטע ערנסטע ביזנעסמאן.

מיינסט אבער אז ער איז געווען פריילך ווען ער האט געמאכט א צוואנציג מליאן?! אה פארוואס האסטו אזעלכע פשוטע השגות? צוואנציג מליאן? כ'מיין פאר אן ערשטע אינוועסטמענט איז עס גאנץ שיין, אבער נישט דאס איז מענדי'ס חלומות...

זיין קאפ לויפט אויף ביליאנען מיט א ב', צוואנציג מיליאן איז סתם א קינדער שפיל, יעצט הייבט זיך ערשט אן די עקשאן... ער חלומ'ט אויף גאר גאר גרויסע נאמבערס...

טאג אין נאכט איז מענדי געזעסן און נאר געזען אז די נומבערס זאלן וואקסן, די פראפיטן מוזן זיך מערן, ער האט זיך געלערנט פון זיינע טעותים און ווייטער געשטיגן, ער איז געווען וואס מ'רופט א עכטע האסלער...

דער קליין אפיס'ל אויף זעכצנט עוועניו איז ווייט שוין געווען אויסגעוואקסן, סיי אין פלאץ ווי אויף פאסט דאך נישט פארן "גרויסן גייט באלד ווערן א ביליאנער" צו זיצן אין דעם קליינטשיג פארכמארעטער אפיס דארט אין בארא פארק...

ער האט זיך אינטערעסירט ביי די ריכטיגע חברה, ס'איז נארוואס ליידיג געווארן די איין און דרייסיגסטע שטאק אין איינס פון די גאר פרעסטיזשפולע בנינים אין די פינאנציעלע דיסטריקט אין מאנהעטן, ער נעמט א טאג צוויי עס איבער צוטראכטן, ס'איז א הון תועפות פון חודש'ליכע רענט, אבער עס עס "מאנהעטן" / "פינאנציעלע דיסטריקט" / "איין און דרייסיגסטע שטאק".... ס'האט אזוי שיין געשמייכלט ער איז איינגעגאנגען אויף דעם!

יא אונזער מענדי איז היינט א עכטע גביר, א מאנהעטן איד וואס ארבייט אינעם פינאנציעלע דיסטריקט, אבער הער אויס, ער דעליווערט! ווער נאך קען באווייזן צו דרייען א מעלאנע צו צוואנציג, ס'בכלל נישט קיין פשוטע ציפערן...

צו מענדיס פרייד איז קיין סוף נישט געווען ווען ער האט זיך אריינגעצויגן אינעם נייעם אפיס און אויסגעפונען ווער ס'איז זיין שכן א שטאק העכער אויפן צוויי און דרייסיגסטע שטאק, דער גרויסער ביליאנער וועמען ער האט גאר גענומען פאר אן עקזעמפל אז ווי אים וויל איך אויסקוקן!






יענער איז שוין היינט גאר פארעלטערט, ער איז אויך א ריזיגע אינוועסטירער, יארן יארן האט ער אפגעארבעט און אויפגעבויט זיין קאמפאני, ביז ער איז אויסגעוואקסן דער גרויסער ביליאנער!

מענדי האט שוין קוים געווארט צו קענען איין טאג אריינקלאפן ביי אים, אפשר וועט אים דער עושר דער ביליאנער העלפן, אפשר וועט ער ביי אים משקיע זיין גרויס געלט און דעמאלט וועט ער שוין טאקע קענען ארויסציען די ריזיגע רווחים...

איין טאג אויפן וועג אריין אין אפיס ער דריקט דעם קנעפל צום עלעוועיטאר, די טיר עפענט זיך אויף ס'מאכט זיך שוין באלד צו, פלוצלינג קומט עפעס אן אלטער צו גיין, ער האלט אויף דעם עליוועיטאר, מענדי ווערט שיעור נערוועז, אבער ער כאפט שנעל א בליק און זעהט אז דאס איז נישט קיין צווייטער נאר דער גרויסער ביליאנער דער שכן פון אויבן פונעם צוויי און דרייסיגסטן שטאק!

עם עם געבט זיך מענדי שנעל א קלאר אויס די האלז - שלום עליכם איך הייס מענדי איך מוז אייך זאגן ס'איז מיר כמעט א יו"ט אז איך קען אייך טרעפן דער גרויסער לעגענדארער עושר "דער ביליאנער"... ס'איז מיר ממש א כבוד.

איך וויל אייך זאגן איר זענט מיין אינספיראציע! איך וויל דערגרייכן וואס איר האט דערגרייכט, און איך ווייס אז דאס קומט נישט אן גרינג, איך בין מקריב מיין לעבן, אבער פארדעם איך זאג אייך איך בין אויף טעג און נעכט איר וועט נישט גלייבן.

מיין ערשטע סוקסעס איז געווען ווען איך האב אינוועסטירט א מליאן און ארויסגעקעשט פארדעם צוואנציג! איך האב דעמאלט געזען מיין פאטענציאל, האב איך אלעס געלייגט אין די זייט, מיין ווייב ווייסט שוין, אז ס'נישט דא אזא זאך מיך קאלן. איך וועל דיר זאגן נאכמער, איך קען נישט געדענקען די לעצטע מאל איך האב מיט איר גערעדט... ליסען ביזנעס איז ביזנעס, אפילו שבת שלאף דורך דעם גאנצן שבת מער ווייניגער, כדי איך זאל האבן כח פאר די וואך צו קענען אריינקעשן.

קוק אהער איך האב אכט קינדער, איך קען אפילו נישט זייערע נעמען, איך צאל שכר לימוד, איך געב מיין ווייב א קרעדיט קארד, זאל זי אלעס קעיר נעמען, איך וויל פון גארנישט וויסן!

מיט אזא דעדיקעישן פיר איך מיין ביזנעס, אלעס גייט אין די זייט, איך קעיר נישט וועגן גארנישט! איר הערט?! גארנישט...

פינג!

דער עליוועיטאר איז אנגעקומען, מענדי גייט אראפ, ער זאגט זאגט שנעל פארן גרויסן עושר "אויב ווילט איר אמאל טון עפעס ביזנעס לאזט מיט וויסן..."

דער מענדי גייט אן ווייטער געהעריג מיט זיין טאג, ס'פארט אינוועסטמענטס, קולות אויפן טעלעפאן, קיינער וואגט זיך אים נישט צו שטערן, די פראפיטן פארפעלן נישט צו קומען, א לוח אנגעפילט מיט מיטינגס ביז סוף יאר, ס'גייט א רויך.

ווען פלוצלינג.... קלינגט זיין טעלעפאן, יא העללוי?! יא מ'רופט דא פון די אפיס פון אויבן, דער גרויסער עושר דער ביליאנער וויל מיט אייך האבן א מיטינג! ווען זענט איר אוועילעבל?! ווען?? יעצט שוין יעצט איך בין דארט ביז א מינוט!

ער לויפט ארויף די שטיגן צום צוויי און דרייסיגסטן שטאק, ער קלאפט שנעל



אויפן מעין טיר, מ'באזוכט אים אריין און מ'פירט אים גראד אריין צום גרויסן עושר וואס זיצט שוין דארט גרייט מיט זיין שמש'ל ביי די זייט, און ער ווייזט אים, צו זעצט אייך.

דער עושר צעגערט נישט, ער גייט גראד צום תכלית ר' מענדי שליט"א איך וויל אייך געבן צוואנציג מליאן! דער מענדי שמייכלט פון באק צו באק צוואנציג מליאן?! דו ווייסט וויפיל איך קען דיר צוריק ברענגן פאר צוואנציג מליאן?

ער הייבט אן אויסרעכענען ווי אזוי ער גייט עס אינוועסטן אז ס'גייט ברענגן אזעלכע רווחים, אבער דער גביר שטעלט אים גראד אפ "קוק אהער איך דארף נישט פון דיר צוריק קיין איין פעני".

וואס דארפט איר יא? פרעגט מענדי א צומישטע,

איך וויל איינע פון דיינע קינדער!

וואאאאס? ביסטו אראפ פון זינען? בשום פנים ואופן איך געב דיר נישט מיינע קינדער ביסט פון קאפ געפאלן?

דער גביר קוקט אים אן און פרעגט אים פארווינדערט וואס גייט דיך אן? דו האסט אכט קינדער און דו האסט מיר פריער געזאגט אז דו גייט נישט אן גארנישט וועגן דיינע קינדער, נאר געלט רעדט צו דיך, איך געב דיר געלט געב מיר א קינד! איך האב חתונה געהאט פאר פופציג יאר צוריק, איך האב נישט קיין קינדער לאמיר מאכן א געשעפט!

מענדי שטעלט זיך אויף "נישט דא פון וואס צו רעדן, איך געב נישט אוועק מיינע קינדער פאר קיין געלט".

ער שטורעמט ארויס פון אפיס, גייט צו א לאקאלע פארק, און זעצט זיך אויף א באנק, און ס'קלינגט אים אין די אויערן - איך געב נישט אוועק מיינע קינדער פאר קיין געלט.

מאך דיך א חשבון וויפיל תפילות האסטו אוועק געגעבן פאר געלט? וויפיל מאל האסטו אוועקגעגעבן דיין ווייב דיינע קינדער שיעורי תורה פאר געלט, ווען איינער קומט דיר זאגן געמיר דיינע תפילות איך געב דיר געלט! געב מיר דיין תורה איך געב דיר געלט! געב מיר דיין ווייב און דיינע קינדער איך געב דיר געלט! וואלסטו געשריגן בשום אופן!!!

שכח אייבערשטער אז מיר האבן א ראש ישיבה וואס געבט אונז נאך חיזוק און שכל אז מיר זאלן נישט פארקויפן אונזער לעבן פאר אפאר דאללער, נאר געדענקען וואס איז עכטע תכלית, וואס מיינט עכט רייך.

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו**













ווערט געזוכט איינער וואס איז גרייט אוועקצוגעבן מיילס/פוינטס פאר א מפיץ וואס וויל מפיץ זיין אין א שטאט ווייט פון דא.

אזוי אויך ווער עס וויל צושטייער געבן פאר די מפיצים צו קענען קויפן די ספרים, קונטרסים, סידיס, זאל רופן ראובן בירנבוים 347-549-5625

## Waze גמ"ח

מיר פארבארגן מהדרין WAZE פאר א מינימאלע קאסט.

רופט 929-617-0488

# סעודה מיטן ראש ישיבה

סעודת שבת קודש

פרשת קרח תשפ"ד



שכח אייבערשטער איך האב געהאט די זכי' צו עסן א סעודהביים ראש ישיבה שליט"א פרייטאג צונאכטס פרשת קרח, נאכדעם וואס דער ראש ישיבה האט מיר געלאדענט צו די סעודה. איך וועל מיטן אייבערשטנ'ס הילף פרובירן מיטצוטיילן פאר די חשובע לייענער פונעם ברסלב בלעטל ווי ווייט איך געדענק וואס איך האב געהערט און געזען ביי די פרייליכע סעודה פון דער ראש ישיבה.

**באזונדערע שיעורים פאר בחורים און אינגעלייט**

אויפן וועג אהיים האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די אינגעלייט וואס האבן אים באגלייט אז דעם קומענדיגן זומער גייט זיין די שיעורים אפגעטיילט, באזונדער פאר בחורים און באזונדער פאר אינגעלייט, פאר די בחורים איז דא אסאך שיעורים ווייל מען דארף זיי אריינגעבן שכל, וואס נאך די חתונה וועלן זיי זיך באניצן אין שטוב מיט די שכל, אבער פאר אינגעלייט איז בעצם געננוג איין שיעור א וואך פון חיזוק.

**די ישיבה אין ירושלים איז א יחיד במינה**

אזוי ווי איך האב ביז יעצט געלערנט אין די ישיבה אין עיה"ק ירושלים תובב"א, האט זיך דער ראש ישיבה אויסגעדריקט צו מיר אז די ישיבה אין ירושלים איז זייער א שיינע ישיבה, ערליכע בחורים וואס פירן זיך מיט יראת שמים.

דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז ער איז געווען אין מירון מיט די בחורים פון די ירושלים'ע ישיבה, און איז אריין אין די דארמיטארי ווי זיי זענען געשלאפן, און איז ממש ארויס פון התפעלות ווי די בחורים פירן זיך מיט יראת שמים.

דער ראש ישיבה האט מיר געפרעגט: "פארוואס ביסטו געקומען קיין אמעריקע? עס איז דאך דא אזא שיינע ערליכע ישיבה אין ירושלים?" און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז מען פלאנט יעצט צו עפענען א דארמיטארי אין ירושלים, ווייל די בחורים פירן זיך מיט יראת שמים...

## לערנען עצתו אמונה

דער ראש ישיבה האט געפרעגט פארוואס מען האט נישט געהאט די וועכנטליכע גליונות די וואך אין ישיבה, האט מען געענטפערט אז עס איז נישט דעליווערט געווארן באצייטנס בעפאר שבת, האט דער ראש ישיבה זיך

**פארוואס עסטו נישט קיין טאמעטע דיפ? דער רבי זאגט דאך אין ספר המידות אז שום - קנאבל איז מסוגל פאר אהבה, זיך ליב צו האבן, ליב צו האבן אנדערע, און ליב צו האבן דעם אייבערשטן.**

אנגערופן: "עס איז אזא שאד, איך ארבעט אזוי שווער יעדע וואך אויף די עצתו אמונה עס צו שרייבן, און עס קומט אפילו נישט אן צו אנשי שלומינו". נאכדעם האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "עצתו אמונה געבט אזא שכל, אז איינער וואס לערנט עצתו אמונה האט א מורא'דיגע קלארע וועג אין לעבן".

## זיבעטע שטאק אנטקעגן מלכות

ווען מען איז אנגעקומען צו די בנין ווי דער ראש ישיבה וואוינט, האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן אז ער וואוינט אויף די זיבעטע שטאק וואס דאס איז קעגן די ספירה פון מלכות, און מלכות דאס איז די אמונה, דערנאך איז דער ראש ישיבה אריין אין שטוב און אויסגערופן א פרייליכע 'גוט שבת גוט שבת'.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין ווייב די נעמען פון די בחורים וואס זענען געקומען עסן די סעודות.

אויף האט דער ראש ישיבה זייער אויסגערימט זיינע קינדער פאר זיין ווייב ווי שיין און הערליך די קינדער האבן געדאווענט

## זמירות שבת

דער ראש ישיבה האט פרייליך אנגעהויבן 'שבת שלום ומבורך' 'שלום עליכם' וכו', דער ראש ישיבה האט נישט צוגעענדיגט מיט 'צאתכם לשלום'.

פאר 'אשת חיל' האט דער ראש ישיבה געפרעגט צו עס איז דא הדסים צו שמעקן, האט מען געענטפערט אז מען האט עס פארגעסן אין בית המדרש, האט דער ראש ישיבה געבעטן די בשמים און אויף ארויפגעשיקט די בשמים פאר די געסט.

דער ראש ישיבה האט געזינגען די ברסלב'ע ניגון אויף 'אשת חיל', איך האב באמערקט אז ביי די שטיקל 'רבות בנות עשו חיל' האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט 'ואת "הייליגער רבי" עלית על כולנה', און דער ראש ישיבה האט עס איבערגעזינגען צוויי מאל.

## קידוש מאכן

דער ראש ישיבה האט אריינגעגאסן אין די באטל דריי טראפעס וואסער קעגן חכמה בינה דעת, און אריינגעגאסן פון דעם אין די כוס פיר מאל קעגן שם הוי-ה, דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש זייער זייער פרייליך. בשעת קידוש האט דער ראש ישיבה געקוקט צו די לעכט, און ביי בורא פרי הגפן האט דער ראש ישיבה געקוקט אין די כוס, נאך קידוש האט דער ראש ישיבה ארויפגעשיקט קידוש וויין פאר אלעמען.

דער ראש ישיבה'ס קינדער האבן זיך געקריגט וועלכע גלעזל זיי ווילן פאר די קידוש וויין, עס איז געווען צוויי סארט גלעזלער, האט דער ראש ישיבה זיי געפרעגט: "וואס א חילוק וועלכע גלעזל? עס איז די זעלבע טעם אין מויל, עטס זענטס שוין גרויסע קינדער עטס דארפט זיך שוין נישט קריגן..."

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען זאל ברענגען א מעסער פאר די חלה פאר די געסט, און מען איז זיך געגאנגען וואשן, דער ראש ישיבה האט געוואשן אלע קינדער און געמאכט א ברכה מיט יעדן עקסטער.

## טאמעטע דיפ

דער ראש ישיבה האט מיר געפרעגט פארוואס איך עס נישט קיין טאמעטע דיפ, דער רבי' זאגט דאך אין ספר המידות אז שום - קנאבל איז מסוגל פאר אהבה, זיך ליב צו האבן, ליב צו האבן אנדערע, און ליב צו האבן דעם אייבערשטן.



ווען דער ראש ישיבה האט אריינגענומען דאס ערשטע שטיקל פיש אין מויל האט דער ראש ישיבה אויסגערופן הויעך 'לכבוד שבת קודש', נאך די פיש האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר זיין ווייב אז די חלה מיט די פיש איז געווען זייער גוט.

נאך די פיש האט דער ראש ישיבה געזינגען 'אתקינו סעודתא', 'אזמר בשבחין', און 'ויהי רעוא'.

מען האט געברענגט די זיפ און דערנאך די פלייש מיט קוגל און פערפעל, דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיינע קינדער זאלן העלפן אריינברענגען די טעלער'ס, דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיינע קינדער אז מען מוז אביסל עסן פון די שבת'דיגע עסן.

### מעשיות מיט געשמאק

דער ראש ישיבה האט דערציילט פאר די קינדער די מעשה פון די זיבן בעטלערס (עיין סיפורי מעשיות מעשה י"ג) און געוויזן די בילדער, דער ראש ישיבה האט עס אראפגעלייגט מיט מאדנע קולות פון חיות, עס איז מיר געווען א חידוש צו זען ווי דער ראש ישיבה פארציילט מעשיות ביי די סעודה פאר זיינע קינדער אזוי זיס און אזוי שיין.

מען האט געזינגען 'כל מקדש', דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיינע קינדער צו נעמען א זמירות, אויך האט דער ראש ישיבה געהייסן פאר זיין חתונה געהאטע זון וואס איז דארט געווען זאל זיך אראפזעצן און נעמען א זמירות און מיטזינגען.

מען האט געוואשן מים אחרונים, און דער ראש ישיבה האט מיר מכבד געווען מיט בענטשן על הכוס.

### מעשיות פון תפילה

נאכן בענטשן האט דער ראש ישיבה געהייסן אריינברענגען אייסעס און עס געשניטן, דאן האט דער ראש ישיבה פארציילט א מעשה פון תפילה: "איך בין געווען אין אתרא קדישא מירון, און איך האט געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל אויפשטיין פארטאגס כדי צו קענען דאווענען ותיקין מיט מיין טאטע. פונקט פיר אזייגער פארטאגס האבן זיך די אלארמס אנגעצינדן אז א מיסיל פליעט אדורך, אבער עס האט נישט עקספלאדירט אין די געגנט פון מירון, אבער איך האב זיך אויפגעוועקט דערפון... שכח אייבערשטער".

דער ראש ישיבה האט געבעטן פון יעדעם איינעם צו פארציילן א מעשה פון תפילה, און נאר ווער עס האט געהאט א מעשה פון תפילה האט געקענט באקומען א אייסעס. דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינע פון זיינע אינגלעך זאל פארציילן א מעשה פון תפילה, ער האט זיך פרובירט ארויסצודרייען אז ער האבן געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל זיין פרייליך, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט איך געב דיר נישט קיין אייסעס ווייל דו מאכסט ליצנות פון רעדן צום אייבערשטן, למעשה האט אים דער ראש ישיבה יא געגעבן...

דער ראש ישיבה האט זייער אויסגעלויבט זיין ווייב פאר די שיינע הערליכע סעודה וואס זי האט אזוי שיין אהערגעשטעלט.

### מקושר צו רבי שמעון

נאכדעם האט זיך דער ראש ישיבה אויפגעשטעלט טאנצן אויף דעם פיוט 'בר יוחאי', דער ראש ישיבה האט דערציילט אז מוהרא"ש פלעגט זינגען יעדע וואך 'בר יוחאי' פארן בענטשן, ווייל ער איז געווען זייער מקושר מיט רבי שמעון.

דער ראש ישיבה האט געהאלפן אפרוימען די טיש, דער ראש ישיבה האט אבער געלאזט א שטיקל חלה אויף די זאלץ מעסטל אינמיטן טיש כדי עס זאל זיין א ברכה.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען זאל אויפשטיין שבת אינדערפרי צום שיעור זוהר הקדוש.

דער ראש ישיבה האט געווינטשן פאר די געסט א גוט שבת.

שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט די שכל איבערצוגעבן אזא שיינע סעודה פון וואס מען קען זיך ארויסלערנען אזויפיל שיינע זאכן.



**ער האט זיך פרובירט ארויסצודרייען אז ער האבן געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל זיין פרייליך, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: "איך געב דיר נישט קיין אייסעס ווייל דו מאכסט ליצנות פון רעדן צום אייבערשטן".**

# Penne A La Vodka

BY: G. APPEL

## INGREDIENTS:

- 1 PK PENNE PASTA
- 1 8OZ CREAM CHEESE WHIPPED
- 2 CUPS MILK
- 2 CUPS WATER
- VODKA PASTA SAUCE

## DIRECTIONS:

1) COOK PASTA WITH MILK AND WATER. NO NEED TO DRAIN

2) WHEN PASTA IS STILL HOT ADD CREAM CHEESE.

3)ADD VODKA SAUCE TO YOUR LIKING. MIX WELL.

DON'T FORGET TO BEIT AIBERSHTER SHOULD BE GOOD.



# ווער קען זיי צוריקברענגען?

ח. ה. מינצבערג

מיט גרויסע אויגן קוק איך אריין אין איר געזיכט ווי זי ווישט זיך די טרערן, וואס וויינט זי אזוי? קען מיין קליין הערצעלע נישט פארשטיין.

יעדעס יאר פונדאסניי, ווען מען האט זיך צאמגענומען ביי מיין באבע אינדערהיים, ווען זי האט פארגעליינט פון די צאינה וראינה אין אידיש, ווי די קינדער האבן זיך געוואלגערט אין די גאסן, מענטשן זענען אויסגעגאנגען פאר הונגער, ווי מאמע'ס האבן אויפגעגעסן זייערע קינדער. אוי האט זי געקלאגט מיין באבע, איך פלעג אפילו צושטאפן מיינע אויערן ביי די שרעקעדיגע מעשיות, אבער פארוואס קלאגט מען? האב איך נישט געקענט פארשטיין, וואס דארף מען עס בכלל דערציילן?

ווען איך בין עלטער געווארן האב איך פארשטאנען אז די איבערלעבער פון די קריג פארשטייען גוט וואס איז די באדייט פון "חורבן בית המקדש", זיך צוזעענדיג פון דערנאנט ווי אזוי מען האט גע'רצח'ט די אידן מיט אזויפיל רשעות, אוי האבן זיי געוואוסט צו קלאגן, זיי האבן עס געשפירט אויף די אייגענעביינער.

אבער איך? ווייס נישט! יא, ווען איך האב געליינט אדער געהערט עפעס שרעקעדיג האט זיך געקענט ארויסגליטשן א טרער אדער צוויי, אבער חורבן בית המקדש וואס האט עס מיט מיר? חס ושלום אזוי צו טראכטן - האב איך זיך א גאנצע צייט פראבירט צו חזר'ן, אלעס וואס מען רעדט צו אונז אז אמאל איז געווען א בית המקדש, ווי שיין עס איז געווען פאר אידישע קינדער, ווי הערליך איז געווען די קרבנות,

כהנים און לוים. אבער דאך עפעס א פארשטיינערטע הארץ אן געפיל, פלעג איך טראכטן צו מיר, אדער פלעג איך הערן דרשות ווי מען האט געזאגט "ווייי צו אזא דור וואס ווייסן אפילו נישט אויף וואס צו קלאגן", פלעג איך זיך קלאפן ווי נידריג מען איז, און ווי געפאלן מיר זענען...

יעדעס יאר וואס ווערט נישט אויפגעבויעט דעם בית המקדש איז אזוי ווי עס איז יעצט חרוב געווארן, וואס פעלט היינט? וואו איז דער חורבן?

יא, זיכער! עס איז דא אזויפיל צרות ביי כלל ישראל אבער... עס פארט...

די לעבן גייט ווייטער אן, האב איך שטילערהייט געטראכט, פארשטייט זיך אז איך האב קיינעם נישט מיטגעטיילט...

דאסמאל ווען איך האב געליינט די צאינה ראינה, האב איך עס ממש געשפירט, אז טרערן זענען געפלאסן "די קינדער האבן זיך געוואלגערט אין די גאסן" - דאס איז נישט נאר אמאל געווען, איך שפיר עס יעצט, דער חורבן איז פאר אונזערע אויגן, אזוי פיל נשמה'לעך דרייען זיך אין די גאסן, ווייסן אפילו נישט אז עס איז דא א הארציגער דערבארעמדיגער רבי וואס קען זיי העלפן, זיי ווילן זיין גוט! האט זיי דען איינער געזאגט ווי גוט עס איז צו זיין א איד?

"מאמע'ס האבן אויפגעגעסן זייערע קינדער" - דאס איז ממש יעצט, וויפל קינדערלעך האבן געוואלט מקורב ווערן, זיי האבן געפילט אז דא איז די פלאץ וואס וועט זיי דערהאלטן ביי אידישקייט, און דא איז געקומען נישט מער און נישט וויניגער די עלטערן אליין, און זיי ארויסגעשלעפט ווי מיט א צוואנגל, ער זאל חס וחלילה נישט האבן קיין שייכות מיט ברסלב. און היינט? היינט וויינען די עלטערן אויף די קינדער - הלוואי וואלט ער יעצט מקורב געווארן, וואלט ער נאך געבליבן א איד! אבער, רייסט די הארץ עס איז שוין נישטא מיט וועמען צו רעדן, דער קינד וויל שוין פון גארנישט הערן...

עס איז נישטא איינער וואס קען טרייסטן אויף אזא צער... די עלטערן זענען נעבעך אויך נישט שולדיג, דאס איז דאך פון אלע ליצנות און שם רע וואס איז דא אויפן רבי'ן.

און וויפל עלטערן דרייען זיך מיט סמארטפאונ'ס און דאס גלייכן, די קינדער ווערן גע'הרג'עט לעבעדיגערהייט, זיי האבן נישט קיין טאטע און מאמע, אומשולדיגע נשמה'לעך וואקסן אויף אזוי פארביטערט, ווער רעדט נאך אז עס שטערט זיי צו אויפוואקסן געזונט, און ווען זיי ווערן עלטער, וועט די קינד נאכמאכן די עלטערן, די ערשטע מינוט וואס ער קען וועט ער זיך איינהאנדלן א סמארטפאון, איז דען דאס נישט אויפגעגעסן די קינדער לעבעדיגערהייט?

אוי שפירט זיך עס, מען דארף שוין גארנישט, דער חורבן קען מען טאפן אין די לופט...

פון די אנדערע זייט שפירט מען אזא ליכטיגקייט, אז מען ווערט מקורב צום צדיק, איז עס ממש א בחינה פון גאולה, מען הייבט אן שפירן אז דער אייבערשטער איז מיט מיר אין יעדן מצב, און איך קען רעדן צו אים אלעס וואס איך דארף.

די אידישע לעבן איז אזוי קלאר, נישטא קיין שאלות, נישטא קיין ספיקות, אויף אלעס איז דא א תשובה, ממש א-ל-ע-ס. מען עפנט אויף ספר עצתו אמונה, ספר אשר בנחל, אויף אלעס איז דא א קלארע וועג, וויאזוי צו טראכטן וויאזוי זיך צו פירן.

פון די אנדערע זייט פילט מען שטארק די צער השכינה, ווי די שכינה וויינט, 'קינדערלעך טייערע קומט צוריק צו מיר'.

דער אייבערשטער דארף אלע קינדער, ווער קען העלפן דעם באשעפער צוריקקערן זיינע טייערע קינדער צו אים?

דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט און געשיקט א צדיק אין יעדן דור וואס קען זיי העלפן.

יעצט איז מיר שוין קיין קשיות נישט פארבליבן.

איך בין אויסגעלייזט- איך וואלט דאך געקענט אויסקוקן ווי די נשמה'לעך וואס וואלגערן זיך אין די גאסן, איך מיין נישט דווקא די גאסן יונגען, איך מיין וואוילע טייערע אידן וואס ווילן זיין גוט, אבער האבן פשוט נישט דעם רבי'ן...

יא איך בין אויסגעלייזט! אן קיין ספק!!! איך שפיר עס!

פון צווייטן זייט ווארט מען אויף משיח, "הייליגער באשעפער, לייז אונז שוין אויס פון גלות, ברענג שוין צוריק דיינע קינדערלעך צו דיר, מיר ווילן זיין גוט... נעם אראפ דעם עול הגלות, וועסטו זען אז מיר וועלן לויפן צו דיר..."



# מעשיות פון תפילה

מ. ג.
בארא פארק

איך האב זייער שטארק געדארפט האבן א וועג אהיים פאר מיינע קינדער פון דעי קעמפ א געוויסע צייט. עס האט אויסגעזען אז מיין מאן זיי וועט נישט קענען אהיימברענגען.

דורכאויס די טאג האב איך געבעטן דעם אייבערשטן פאר א געשמאקע וועג און אויך געדאנקט פאר מיר קיינמאל נישט פארלאזן און העלפן ביז אהער.

די צייט לויפט און איך האב נאך אלס נישט א וועג פאר מיינע קינדער. איך בין געווארן אביסל נערוועז און זיך פראבירט צו האלטן רוהיג ווייל תפילה איז גרעסער פון אלעס. אפאר מינוט פאר די צייט האב איך געקלינגען מיין מאן און ער זאגט מיר ער איז אויף די וועג אפצונעמען די קינדער!

שכח אייבערשטער פאר תפילה!

ג. אפפעל
קרית ברסלב

נאך לעכט צינדן ליינט מען די עצתו אמונה און די קרית ברסלב בלעטל, איך זוך עס ארום אבער איך טרעף עס נישט, א י ך הייב אן זוכן איבעראל אבער ס'איז נישט דא.

איך מיט מיין טאכטער האבן געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל עס טרעפן, נאכן נאכאמאל זוכן האב איך עס געטראפן אינטער די קאוטש, נאכדעם וואס מיין זון האט עס אהינגעלייגט פאר עפעס א שפיל וואס ער האט געמאכט, און ס'האט זיך אויסגעפעלט צו האבן די עצתו אמונה און די בלעטל.

א גרויסן שכח פאר די געוואלדיגע ארבעט וואס איר לייגט אריין יעדע וואך, ס'זאל ארויסקומען אזא הערליכע תוכן'דיגע בלעטל.

ח. שטיינבערג
קרית ברסלב

איך בין געגאנגען נאך געלט מיט מרת פוקס פאר די היי יעריגע קאמפיין. אינמיטן גיין נאך געלט האבן מיר געטראפן א פרוי און זי פרעגט מיר: וואו ארבעטסטו? די שאלה איז געווען זייער אינטערסאנט, ווייל ס'מוז דאך נישט זיין אז איך ארבעט בכלל. איך האב איר געענטפערט אז איך ארבעט אין א באזאר. פרעגט זי מיר: "ענק נעמען נאך גענוצטע קליידער, אדער אויך נייע? ווייל איך פארקויף טייערע ראובס פאר האלסעיל, און יעצט האב איך איבעריגע פאר אומזינסט".

דאס איז געווען זייער אינטערסאנט פאר מיר, אבער איך האב מיך נאכדעם געכאפט אז ס'איז א מעשה פון תפילה, ווייל איך בעט שטענדיג דעם אייבערשטן אז די באזאר זאל האבן שיינע נייע קליידער.

דריי טעג שפעטער האט ר' ליפא שווארץ נ"י מיט ר' שמעון פאזען נ"י דאס אויפגעפיקט און געברענגט צום באזאר.



845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com

# געשטעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



**מלוה מלכה אין שטעטל - מוצש"ק מטו"מ תשפ"ד**

קרעדיט: נפתלי זאבעל




**ביים באזוכן אידן אין תפיסה זונטאג מטו"מ**

קרעדיט: מעכל ראזענפעלד



**ביים מנחם אבל זיין משפחת פארקאש**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**ברית פון הילד שמואל דוד נ"י בן מו"ה יוסף זינגער הי"ו**



קינדער
בלעטל
ספר האדות:
וואס געשעט ווען מען קוקט אויף די הימל ווען עס איז קלאר?
שרייב טישל:
וואס איז גרעסער פונעם רבינס ראש השנה?
הייליגע באשעפער
ראטעווע מיר פון גיין אין מיליטער

# מעשה'לעך פאר קינדערלעך

## ווי אַזוֹי דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

"גָאט גָאט, לָאז מַיין זֵיידֶע זַיין גֶעזוּנְט!" אַזוֹי הָאט דֶער קְלֵיינֶער יִשְׂרָאלִי'ק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵיי בֶּערְשְׁטְן

גֶעוֶועןְ אִיז דָאס אַ קוּרְצֶע צַייט אֵיידֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ, עֶר אִיז גֶעלִיגְן אִין בֶּעט אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים. דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן; אִינְמִיטְן קוּמְט אַרַיין דֶער אֵיינִיקְל יִשְׂרָאלִי'ק, אַ זוּן פוּן שָׂרָה דִי טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי קוּקְט אוֹיפְ'ן אֵיינִיקְל אוּן זָאגְט אִים: "יִשְׂרָאלִי'ק, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיידִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט"; יִשְׂרָאלִי'ק אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן פִינְף יָאר אַלְט, עֶר רוּפְט זִיךְ אָן צוּם רֶבִּי'ן: "וָואס גֶעבְּסְטוּ מִיר דֶערְפַאר?" דֶער רֶבִּי הָאט גֶע שְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט: "דֶער קְלֵיינֶער יִשְׂרָאלִי'ק פִּירְט זִיךְ שׁוֹין אוֹיף אַזוֹי וִוי אַ גוּטֶער אִיד, עֶר בֶּעט אַ פִּדְיוֹן"

דֶער רֶבִּי זָאגְט פַאר יִשְׂרָאלִי'ק: "דָא הָאסְטוּ מַיין גָאלְדֶענֶעם זֵייגֶער, יֶעצְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיידִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט"; יִשְׂרָאלִי'ק אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּפְרִידְן, עֶר נֶעמְט דֶעם זֵייגֶער אוּן הֵייבְּט אָן אַרוֹיסְגֵיין אוּן זָאגְט הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל: "גָ-א-ט, גָ-א-ט, לָאז מַיין זֵיידֶע זַיין גֶעזוּנְט!"

דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן אַלֶע גֶעשְׁמֵייכְלְט, זֵיי הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט גֶענוּג, נִישְׁט דָאס מֵיינְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: "אַזוֹי דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי וִוי אַ קִינְד בֶּעט זַיין טַאטֶע אוּן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט", דֶער רֶבִּי פְרֶעגְט זֵיי: "וִוי אַזוֹי דֶען דַארְף מֶען בֶּעטְן? אִיר מֵיינְט מֶען דַארְף מֶער פוּן דֶעם? נֵיין, דָאס מֵיינְט תְּפִילָה, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת"

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן - וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים



יִשְׂרָאלִי׳ק בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

# קינדער דערציילן

מעשיות פון תפלה

שיקט אריין אייער מעשה
פון תפלה צו:
845.379.1161

איך האב פארלוירן מיין גלעזער ביים שווימען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען טרעפן, איך האב געבעטן אפאר מיידלעך זאלן עס אויפזוכן אבער זיי האבן עס נישט געטראפן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל עס נאך קענען טרעפן, און ס'זאל נישט זיין צובראכן.

די קומענדיגע טאג בין איך צוריק צו די פול און אויפגעזוכט דארט אין אלע זייטן. שכח אייבערשטער אז איך האב עס געטראפן דארט, ס'איז געליגן באהאלטן אינטער עפעס געוויסע זאכן.

*אידי שטיינבערג, קרית ברסלב*

איך בין געגאנגען צום פארק נעבן מיין שטוב זיך צו שפילן דארט. ווען איך בין אנגעקומען דארט האט מען געהאלטן אינמיטן רייניגן די פארק, און מ'האט נישט אריינגעלאזט אין פארק.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל שוין ענדיגן רייניגן. שכח אייבערשטער אז ביז אפאר מינוט האט מען געענדיגט רייניגן, און איך האב געקענט אריינגיין שפילן.

*אברהם יוסף הארוויץ, לאנדאן*

מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן שוין א לאנגע צייט צו האבן א טרעמפעלין.

איין טאג האט אונזער באבע אונז גערופן, מיר זענען אלע געגאנגען, ביים אנקומען האט זי אונז דארט געגעבן א מתנה א טרעמפעלין.

*משפחת וויינבערג, קרית ברסלב*

איך בין געליגן אין בעט און נישט געקענט איך האב פארלוירן מיין שיינע תהילים וואס איך האב באקומען פונעם ראש ישיבה. איך האב דאס געזוכט אבער איך האב עס נישט געקענט טרעפן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן. איין טאג איז א מיידל געקומען צו מיר אז זי האט עס געטראפן.

*רייזל וועבערמאן, קרית ברסלב, 12 יאר*

די גליקליכע געוואונער פון חודש אב איז

## רבקה וועבערמאן תחי' קרית ברסלב

צו איבערהערן וויאזוי מען ציעט ארויס דעם גורל רופט קול ברסלב 212-444-9191 #5 #6

# געמאלן

א מעשה פון תפלה



אִיךְ הָאבּ שׁוֹין
גֶעעֶנְדִיגְט
לֵיינֶען אַלֶע
בִּיכֶער
אִינְדֶערְהֵיים



אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף מִיר
זָאלְן בַּאקוּמֶען
דִי בִּיכֶער פוּן
עֶרְצֵיילוּנְגֶען פוּן
צַדִיקִים



שְׁכּ׳חַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
מִיר הָאבְּן
גֶעקוֹיפְט
עֶרְצֵיילוּנְגֶען
פוּן צַדִיקִים

געמאלן דורך:
רבקה אפפעלדארפער
תחי'



אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף אַז ס'זָאל
גוּט גֶעלוּנְגֶען
וָואס אִיךְ מָאלְן.



לָאמִיר
אָנְפַאנְגֶען צוּ
מָאלְן



שְׁכּ׳חַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
ס'אִיז גוּט
גֶעלוּנְגֶען

געמאלן דורך:
שמואל בירנבוים נ"י

שיקט אריין אייער מאלעריי צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון מוהרא"ש דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי האט געזאגט: די עיקר אידישקייט איז זיך פירן בתמימות ובפשיטות, אזוי ווי זינגען זמירות שבת.

## ברסלב'ע חידות

**דער הייליגער רבי האט געזאגט: ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון**

א. קומען ביי מיין יארצייט
ב. אלעס
ג. שלום בית
ד. עוג מלך הבשן

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

מוהרא"ש פלעגט שטענדיג חזר'ן דעם מאמר חז"ל, אז א מענטש איז פריילך שבת ווערט דאס גערעכנט אזוי ווי ער פאסט טויזנט תעניתים.

## גייט אריין אינעם גורל

שיקט אריין די ענטפערס צו: 845.379.1161

**און גייט אריין נאכאמאל אין גורל!**

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**יד. כְּשֶׁתִּסְתַּכֵּל בַּשָּׁמַיִם כְּשֶׁהֵם זַכִּים וּבְהִירִים, תִּזְכֶּה לֶאֱמוּנַת חֲכָמִים.**

אַז דוּ װעסְט קוּקְן אוֹיפְ'ן הִימְל װען עֶס אִיז קְלָאר אוּן לוֹיטֶער, װעסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְלֵייבְּן אִין צַדִּיקִים.



# שרייב טישל

## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ע | ג | ר | פ | ב | ל | ע | א | פ |
| א | י | י | נ | ע | ר | ג | מ | ג |
| מ | י | א | ז | ש | ח | ע | י | ר |
| ע | נ | א | ר | ו | י | ס | ע | ב |
| ג | ל | י | ו | י | ע | ז | ד | ג |
| נ | ז | י | י | נ | נ | ל | ע | ל |
| ה | א | ב | ב | ו | ז | ע | ר | ו |
| כ | ל | ע | א | ט | ד | י | ע | ת |
| ג | ל | ר | ר | א | ע | פ | ו | פ |
| ט | ה | ש | י | ג | ר | י | ו | א |
| ס | פ | ט | מ | י | ט | נ | ד | י |
| ב | ר | נ | כ | ר | ב | ד | ק | י |
| ת | י | ט | פ | ג | ל | ו | ת | ב |
| ו | ו | ב | ו | ק | נ | ש | נ | ע |
| י | ו | ז | נ | ת | ח | צ | ע | ר |
| ל | א | ת | פ | פ | נ | ה | ז | ש |
| ל | ט | ר | נ | א | ג | ס | א | ט |
| כ | ע | ס | ג | ע | ו | א | ל | ע |
| ב | ג | פ | ה | ע | ל | פ | נ | ר |

דער אייבערשטער זאל אונז אלע העלפן מיר זאלן שוין ארויס גיין פון אונזער גלות בכלליות, ובפרטיות - יעדער איינער פון זיין פריוואטע גלות און מיר זאלן לעבן מיטן אייבערשטן א גאנצן טאג.

*(עצתו אמונה פנחס תשע"ט)*

## טרעף די וועג

**אין די ניין טעג טאר מען נישט עסן קיין פלייש.**





# קליין מיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



משפחת קעניג


נחמן ראבינאוויטש


מרדכי'לע אינדיג


נחמן און יוסי ראבינאוויטש


משהל'ה טייטלבוים

# דער אוצר אויפן באן 9

## דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש זי"ע




געשאפן מיט רשות פון עיר ברסלב





מיטינג מיט די גבאים פון ארץ ישראל פארן מסיבת אנשי חיל - ב' מטו"מ תשפ"ד









מסיבה אין בעפארגרייטונג צום אנשי חיל קאמפיין אין ארץ ישראל

קרעדיט: יענקי פיש אין איציק